STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04049

# EYNZAME

A. M. Fuchs

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

א. מ. פוקס

לעמבערג [illegible]

# א. מ. פוקס
# איינזאַמע

נאָוועלען

אַרויסגעגעבען פֿון ש. לעווין.
לעמבערג 1912

# AJNZAME.

NOWELEN FUN A. M. FUCHS.

Buchdruckerei Ch. Rohatyn Lemberg. —1912.

# פאָטאָגראַף „ל'מאַריאַנאַ".

## פֿאַטאַגראַף „ל'מאַריאַנאַ".

—.—.—.— און דאָך, דאָך פֿערזיכער איך אײַך מיט דער גאַנצער רוהיגקייט פֿון ריינעם און צוגלייך איינ־זאַמען געוויסען, אַז איך פֿיהל אויף מיר נישט האַפֿטען דעם מינדעסטען שאָטען פֿון שולד אין איהר טויט.—

יאָ, ווי זעלטזאַם ס'זאָל נישט קלינגען.

— ? —

הם! — כ'האָב אייגענטליך נישט ליעב צו ערצעהלען איבערלעבונגען — עס קומט מיר דאַן פֿאָר אַז מען בעטאַפּט מײַן נאַקעט לײַב מיט שמוציג גראָבע פֿינגער — נאָר דאָס מאָהל מאַך איך אַן אויסנאַהם — דען סוף כל סוף זוך איך מיך אלײַן אַלץ מעהר און מעהר אײַנצולעבען אין דער דאָ־זיגער זעלטזאַמער געשיכטע, וועלכער'ס גרונד איז ביז הײַנט נאָך פֿאַר מיר פֿערדעקט געבליבען.

דאָס פֿענסטער קען בלײַבען אָפֿען! — נאָר דעם לאָמפּ פֿערלעשט!

אין דער טונקעלהייט לעבען אויף די זכרונות און געדאָפּעלט העלערע פֿאַרבען־פּראַכטען — אַזוי גוט! — און איצט הערט:

— קיין שעהנער בין איך אלזא נישט. מיינע געזיכטס־ציגע זענען נישט רעגעלמעסיג, און די הויט פון מיין פנים איז נישט גלאַט — דאַפאַר אָבער פערמאגען מיינע אָגרים־גרינע אויגען, אַ מין מאָרנע צוציעהונגס־קראַפט, וואָס ציעהט צו און שטויסט אָב צוגלייך, און וואַרפט אויף אַ בעשטימטען שטח אַהין און צוריק. און דארום וועט אייך נישט וואונדערן וואָס אָט די אַלע אָבערפלעכליכע ליסטיגע ליבעלייען מיט די רוישענדע עקסצענטרישע מיידלעך, וואָס פלעגען זיך מיט מיר ק״יעגען און קאָקעטירען פער טע־לעפאָן — האָבען אין אַ געוויסער צייט פערוויקעלט אַרום מיין האַרץ אָ מין איבלע פוסטע שרעק, וואָס איך שפיר נאָר פאָהרענדיג אויף אַ האַרטען טרעסעלדיגען וואָגען קעגען צוריקוואַרפענדען ווינד.

און נאַאיוו־קינדיש מיט פערקשענטען בענקען, האָב איך דעמולט געגליסט און געשטרעבט צו יענער הימליש־הייליגער ליעבע, צו יענעם שטראהל־געוועבטען זעעלען־בונד וואָס וואָלט אומשטאַנד געוועזען צו פערפאַרבען מיינע צולאָזענע טעג און נעכט מיט ציטריגער איבערגעבענהייט און פאַנטאַזיע־פולען גלויבען.

קורץ, ס׳האָט מיר פערשמעקט נאָך פרישעס און ער־קוויקענדעס, און צו יענער צייט האָב איך זי בעגעגענט.

עס איז געוועזען אין אַ קנאַקענד פראָסטיגען אָווענד ביי אַ אינטימען טאַנץ־אונטערהאַלט פון סטודענטען און שולמיידלעך, אין אַ נאָך נישט אויסגעענדיגטען זאַל. די ווייכע פייכטע ווענד האָבען געאָטהעמט מיט רינגע ווייסע פאַרבע וואָלקענדלעך, און די פערשיעדענפאַרביגע טואַלעטען מיט די גאָלד־גליטערנדע סטודענטען־אָבצייכען האָבען זיך אָבגעשלאָגען אויבען אין בליאַסקענדיגען קוילען־לאָמפּ ווי אין אַ פיעלקאַנטיג־געשליפען קרישטאָל־גלעזעל.

מיין נערוועז־מיסטרויאישע שטימונג האָט זיך אויסגעגאָ

דריקט אין דעם, וואָס איך האָב נאָר אַ פּאָר מאָל דורכשפּאַ־ציערט דעם זאַל געאָרעמט מיט יענער רחמנות׳דיגער קלײנער מיט די דינע געבױגענע פֿיסלעך וואָס אָט בלײַבט זי שטעהען אין לײַב־טריקאָ און נעמט טאַנצען אין דער לופֿטען אויפֿ׳ן שטריק; און האָב פֿערפֿאָלגט דאָס צעפּלאַמט־אײַנגעהאַלטענע בעוועגען זיך פֿון די פֿלינק־צעהיצטע מײדלעך מיט די גע־רייצטע פֿערשוויצטע נעזלעך. דאַן האָב איך זיך אוים נודנער לאַנגווײַליגע געזעצט נעבען דעם דיקען בעיאָהרטען פּיאַנאָ־שפּיעלער, און געקוקט ווי פֿון זײַנע ברײַטע האָהריגע פֿינגער רײַסט זיך אַרוים אַ מעלאַנכאָליש־רוישענדער וואַסער־פֿאַל.

— שפּיעלט די „סערענטאָ" ביטע! —

דערהער איך אונטער מיר אַ זיס־קלינגענד קול׳כל. איך הויב אויף דעם קאָפּ, און אויף מיר טוהען אײַנזײַטיג אַ גלאַנץ אַ פּאָר לעכטיג־שימערענדע אויגען־ווײַסלען אויף װעלכע ס׳העפּטען גרויסע ברוינע שוואַרץ־אַפּלען ווי טינטען־פֿלעקען אויף אַ ווײַס פּאַפּיר.

גאָט מײַנער וואָס פֿאַר אַ בליק!!

זי האָט נאָך עפּעס גערעדט צום שפּיעלער, נאָר איך האָב שוין נישט געהערט וואָס. איך האָב נור גע־זעהען ווי איהר דורכזיכטיג הימעל־בלוי קלײד, האָט שטאָלץ, גראַציעז אַוועקגעשוועבט איבער דער שווינדלענדער פּאָד־לאָגע, און זיך צעמישט צווישען דער בעוועגענדער מאָזאַיקע.

האַסטיג האָב איך זיך אַ הויב געטהון פֿין אָרט, און מיט בעלײדיגטער ציטומלונג גענומען בויערען מיט די אויגען, דורכרײַסען זיך דורך ענגע פּאָרלעך און העפּליך, שטרענג אָבשטיפּען אָן אַ זײַט, ביז כ׳האָב זי געטראָפֿען, טאַנצענדיג מיט אַ לאַנגען דאַרען בחור אין גרינע אויגענגלעזער.

באַלד איז דער אונטערהאַלט געווען צו ענד און אײדער איך האָב זיך צײַט געהאַט צו בערוהיגען און אומ־צוקיקען, איז צו איהר צוגעקומען אײנע פֿון די אין דער

זײַט װאַרטענדע, גליקליך צושטײַכעלטע מוטערס, אַ הױכע שעהנע פֿרױ מיט בלישטשענדע קעמעלעך אין די האָהר, האָט איהר פֿערװאָרפֿען אַ לאַנגען װײַסען מאַנטעל איבער די אַקסלען, און בײדע זענען פֿערשװינדען.

— פּאַרדאָן! װאָס פֿאַר אַ נומער טראָגט איהר אױגען־גלעזער? — האָב איך בײז אַ פֿרעג געטהון דעם דארען בחור מיט'ן צופּלעטשטען פּנים.

— זעקסטער —

ענטפֿערט יענער שנעל ערשטױנט, נישט װיסענדיג װאָס ס'איז אױף איהם געפֿאַלען.

— אַ דאַנק! —

אַ היים געהענדיג, זענען דאָ און דאָרט די צוזאַמענגעשאַרטע שנעעהױפֿענס אונטער לוסטיגען שליטען־גלאָקען־קלאַנג, געװאַקסען, און געבלאָזען זיך אונטער מײַן בליק — אָ, װי פֿרעהליך, פֿרײ און לעבענדיג, ס'שטראָמט און ברױזט דאָס מונטערע האַרץ, און האָאָאָ! װי גוט בערױשענד און פֿרײדיג ס'איז זיך צו קײקלען און װאַלגערן אין דער װײַסער יונגער נאַכט...

---

אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם האָב איך זיך געמאַטערט מעהר נישט צו קלעהרען װעגען איהר און מיט קאַלטער איבערלעגענהײט זיך געסטאַרעט אָבצופּראָשען דעם װײכען זיסען שטויב, װאָס איהר ערשטער צוריקשטױסענדער בליק האָט אַרױפֿגעיאָגט אױף מײַנע אױגענליעדער. אינסטינקטיװ אָבער האָב איך אַ יעדער אומבעקאַנטער אַרײַנגעקוקט טיעף אין פּנים. אין מיטען גאַס זיך אָבגעשטעלט, אומגעקוקט און װײַטער אַװעק. עפּעס אומבעװאוסטעס געזוכט און געפֿאָרשט.

— און כ'האָב זי געפֿונען.

א קאלט מערץ-ווינדטעל האט זיך הינטען ביי די פיס געפלייסט אויסצוטריקענען די שווארץ-בלאטיגע ברעגעס פון די שוין טריקענע טראטואר-שטיינער, און חצפה'דיגע שטאד-שפאצען מיט זייער טרויריג גרילצענדען געשוויטשער בעקלעבען מחנות-ווייז די שווארצע פערדארטע גאסען-ביימלעך. אין איינעם פון אזעלכע סוף-ווינטער טעג איז זי מיר אקעגען געקומען בשעת איך בין געשטאנען אין עק גאס און מיט נערוועזער אומגעדולד געווארט ביז ס'וועט פאראיבערציהען די לאנגע שווארצע לויה וואס האט פויל-פאמעלעך זיך געשלעפט פערשטעלענדיג דעם וועג קוועהר אין דער צווייטער גאס אריין. זי איז פינקט מיר א קעגען געקומען, און נישט בעמערקענדיג דעם לעצטען קריכענדיגען לויה-פיאקער הארט אונטער איהר רוקען, האט זי זיך אויף זיין פלוצלימדיגען ווארנונגס-רוף, א ווארף געטוהן פארוים און גלייך א פליה ארויף מיר אויף דער ברוסט. א געגענזייטיג צוטומעלטער אה! און האסטיג-פערשעהמט זיך אוועק געריסען.

איך האב איהר נאכגעקוקט מיט באנגען כעס, ווי מען קוקט נאך דעם פערשפעטיגטען אייזענבאהן-צוג וואס רייסט זיך גזלניש אוועק פון אונטער דער נאז, א גאנצען טאג דאן האב איך געטראגען א נישט געזעהענע ליעב-טוליענדע משא אויף מיין קערפער, און איין מול האט מיר געפעהלט דער לעצטער ביסען וואס פאלט אומגעהן ארוים פון די הענד.—

מיט'ן אנקומען פון די ליכטיג-זוניגע פרי[illegible]ם-טעג וואס בעשפרענקלען די דארע ביימלעך מיט קליינ[illegible] העל-גרינע בלעטעלעך; פלעגט זי עפטערם אליין שפאציר[illegible]ויפן בולוואר. זי האט געטראגען א לייכטען ברוינעם [illegible]מעל מיט א שנאל פון הינטען, און דאס שווארצע [illegible]ערנע האנד-טעשעל איז ביי איהר געוועזען אויף א בלאד[illegible]רענעם שנור רעכטס אויף לינקס פערווארפען, וואס מ'ה[illegible] איהר

נאך מעהר קאנסעקווענץ און ענערגישען זעלבסט־בעוואוסטזיין צוגעגעבען. אומזיסט פלעג איך אנווענדען אלע מיינע ערפאלגרייכע קונץ־שטיקלעך ווייכער צו מאכען, איהר אבסערוואטאריש־דורכדרינגענדען שמייכעל, אונטער וועלכען איך פלעג מיך פיהלען אזוי קליין און נאריש.

אויף מיין הילכיג סארקאסטישען געלעכטער, און אויף די איראנישע בעמערקונגען צו מיינע מיט שפאצירענדע פריינד אויפ׳ן חשבון פון דער רויטער שטאלצער. פעדער וואס אויף איהר פאנטאסטיש־געבויגענעם הוט; פלעגט זי ענטפערן מיט א רוהיג־ערנסטער קאפ־ווענדונג אין אונזער זייט, ווייזענדיג מיר דערביי איהרע צוויי לייכט־געקריצטע קלוגע קנייטשען קוועהר איבער די רונדע מויל־ווינקלען, וואס האבען בעזיגעלט איהר צארט פנים מיט א מערקווירדיג חנעוודיגער פערשלאסענהייט פון א קלוגען דעטעקטיוו.

האט איהר שוין אמאל געטאנצט אין ענג־דרינגענדע שיך?

אט אזא בייזע וועהטאג וואס צופט אין די קניע און אין די עלענבויגען, פלעגט מיך אין אזעלכע מאמענטען פייניגען און רייצען.

און פון טאג צו טאג, וואס מעהר, זי האט מיך געטריעבען מיט איהר שטיינערנער גלייכגילטיגקייט, אלץ מעהר איז אויף איהר אנבליק מיר ענגער געווארען אין האלז און האסטיגער דער אטהעם.

און מאדנע, מאדנע, פלעגט מיך ביי נאכט נאכ׳ן באנגען דורכוועקען זיך פון די זיס־מוטשענדע חלומות, שטופען און ווארפען דער פערלאנג ארויפצוקלעטערן אויפ׳ן סאמע שפיץ בוים. און אנהאלטענדיג זיך אין די דינע גרינע צווייגען זיך הוידען און הוידען.

פון דעם אומבעקאנטען סארט שווייגענדיגער אומרוהיגקייט וואס האט מיך פערוויקעלט אין א פייכטען קאלטען מאנטעל, און מיר פערשניירט דאס מויל ווי ביי א מענש אז ס'איז איהם פערשהאלטען דאס פנים — האב איך פערשטאנען אז מיין פרייע נשמה איז געצוימט געווארען אין לייצען, און א אומבעקאנטע מעכטיגע האנד ציעהט און טרייבט מיך נאך איהר אייגענעם ווילען אהין און אהער.

שאטען־שטיל פלעג איך זיך איהר נאכדרייען אין די פרעמדע גאסען און געסלעך, אוןביים אייזערנעם הויז-טויער מיט די בלעכענע קווייטען, פלעג איך ווארטען און מיט הארץ־פלאטער ציילען די היילענדיגע דריבנע פיס־טריט ביז זיי פלעגען שוואכער און שוואכער פערקלינגען אויף די געשלענגעלטע שטיין־טרעפ.

צוריק געהענדיג האבען זיך פאר מיינע אויגען געהויבען און געזונקען גרין־בעגראזטע בערגלעך בעשפרענקעלט פון געלע בלימעלעך, און בעפערלט מיט פינקעלנד־בעוועגענדע טוי־טראפען.

— ס'א שווארץ יאהר אויף זיי! קליין דער טראטואר!

פלעגט מען אויפוועקען דאס גיפטיג-גראבע בורטשען פון דער ברודיג־אנגעפעלצטער יודענע אין עק גאס, ביי וועלכערס פרוכטען-שטעל איך האב מיך תמיד פערמשעפעט און אנגעשלאגען מיט מיינע פיס.

איינער אליין אויף א באנק, אונטערן שאטען פונ'ם רויט־צעבליהטען בעז-ביימעל, פלעג איך אוועגדם אין גארטען צייכענען איהר נאמען מיט'ן שטעקאלע אינ'ם פרישען מאיאווען גארטען־שטויב. און אלע ווייזע ערוואַרטונגס-פול ארויפבליקען צום קרומען דישעל פונ'ם פינקעלנדיגען וואגען דארט אין דער הויכער טונקלער בלאהקייט, וואס האט דאכט זיך נאך רונדער און רונדער געבויגען זיך.

און אז כ'בין איינמאל, לוישענדיג אין גאס די ערמונטערנד־מארשירענדע מיליטער־מוזיק מיטגעריסען געווארען

פון א נייגעריג-דרענגענדען מענשען־שטראם אין א שמאלען רויט־געפלאסטערטען פאסאזש. האב איך נאך קוים געקענט בעמערקען די אין בלוט־געטונקטע מיט שטויב צוגעקלעבטע האהר פון דעם אראבגעשטירצטען מיידעל, וואס צוויי סאניטאר־דיענער מיט יום־טוב'דיגע פנים'ר און רויטע קרייצען אויף די ארבעל, האבען לייכט, פלינק, אריינגעשיבט אינ'ם שווארצען קאסטען־פארמיגען וואגען.

דאן האב איך מיט פערטאמעלטער רוה געקוקט אויף דער איבערגעבליבענער קאלוזשע בלוט מיט די גלאנציג־פערגליווערטע מארך־שטיקער, און האב אין געדאנק אויסגעדריקט מיין פעראכטונג צו דער דערהרגטער, וואס האט אט דעם שעהנעם אוצר ענטפלעקט פאר דער מגושמדיגער גאסען־מענגע וואס קרימען מיט צוקראכענעם שרעק און רחמנות זייערע אומשולדיג־צופריעדענע פנים'ר.

— שרעקליך! —

צוטרעסעלט מיר פלוצים א ווייט, און צוגלייך אזוי גאהנט־בעקאנטע שטים דאס הארץ.

עס פערגעהען א פאר מינוט ביז איך בעגרייף אז דאס „עפעס" וואס הוידעט זיך אונטער מיינע פים וועט זיך נישט איבערקעהרען; דאן קוק איך זיך פערגנבה'ט אום, און טרעף זיך מיט איהרע אויגען. — זי! —

— אך ווי שרעקליך! —

ווידערהאלט זי נייגעריג ציטערענד אין מיין זייט אריין.

די דאזיגע פלוצלימדיגע ענדערונג אין איהרע פנים־ליניען און דאס רחמנות'דיג-ווייכע שטילע קול איהר'ס האט אין מיר אריינגעפליעסט א אבסאלוטע רוהיגקייט וואס גיסט אב מיט קאלט וואסער. אויגענבליקליך האב איך בעגריפען אז פון דאנען וועט זי שוין נישט אנטלויפען, און געשטיצט אויף דער אינסטינקטיווער נאהנטקייט וואס א ווייט פרעמד אומגליק טראגט אריין צווישען די דערביי שטעהענדע זיך אומבעקאנטע מענשען, ווער איך דרייסט:

— מערקווירדיג! —

רעד איך געוועגט צו איהר. און פיהל אונטערדעסען
וי מײַן קול הינקט דאָך אַביסעל אונטער.

— מערקווירדיג אָט דער לעבעדיגער עדות פון
שרעקליכען פערדאַרבען, ערצעהלט אַזוי דײַטליך פון אויס-
געשטערענט-פערחלומטע לבנה-נעכט. הימליש-געצערטעלטע
בליקען, און געטליך זיך בעהעפטענדע ליפען...

ליעבע און טויט!..

— יאָ, די דאָזיגע צווײ ענג-געקײַטעלטע בעגריפען
שוועבען דאָ אין דער לופט. —

האָט זי שטיל געענפערט און דערבײַ מיך געמאָסטען
מיט אַזאַ פעדאַגאָגיש-פריפענדען בליק, גלײַך אויף איהר
בעפעהל וואָלט איך זיך געצאַפּעלט די דאָזיגע צווײ בע-
גריפע פערקערפערט אין עפּעס וועזענטליכעס, פאַנאַנדער-
צושײַדען.

*** האָב איך זיך איהר פאָרגעשטעלט.

אַרויסגעהענדיג פון דאנען, האָבען מיר זיך אָנגע-
שלאָגען אין דעם בלאָנדען צײַטונגס-רעפּאָרטער מיט'ן
טיעפען קאשקעט וואָס האָט שטעהענדיג נאָטירט אויף לאַנגע
שמאָלע פאפּיערלעך. דאן זענען מיר נאָך שטעהען גע-
בליעבען און בעטראכט דעם געשריטפּענעם פאָטאָגראַף-
אַפּאַראַט מיט דער געהײמניספולער שוואַרצער הולע וואָס
האָט אַלץ אַרום אײַנגעזאַפּט אין זײַן גרויסען מיסטרויאישען
אויג. און בעמערקענדיג בײַ דער זײַט אויף דעם, דאָס אָנ-
גענעגעלטע מעשענע שילדעל מיט דער אויפשריפט:
פאָטאָגראַף „ל'מאַריאַנאַ" האָבען זיך אונזערע בליקען גע-
טראָפען מיט אַ מאָדנער צושטימונג: „זעהסט!"... גלײַך מיר
וואָלטען אין דער דאָזיגער מינוט פלוצים ענטדעקט אַז
אָט דאָס געלע שילדעל האָט פערזאַכט דאָס גאַנצע
שרעקליכע אומגליק. — מיט אַזאַ שטימען פערשטענדניס

בעגעגנען זיך אַמאָל די בליקען פֿון פֿערליעבטע בשעת זיי בעמערקען שפּאַציערענדיג ביים ברעג טײַך אַ פֿויגעל־נעסט...

זיעג־פֿערשכר׳ט האָב איך דריקענדיג איהר הענדטעל ביים אײַזערנעם הויז־טויער מיט די בלעכענע קוויטען, בלויז אויס אָבסערוואַטאָרישער נײַגירדע געזוכט מיר צו ערקלערען, איהר איצטיגע טיעף־פֿערבאָרגענע צופֿריעדענהייט נעבען מיר, און געשמייכעלט פֿון אַ געוויסער זיכערער זעלבסט־ליעבע האָב איך קוקענד איהר גלייך אין פּנים געזאָגט:

— איך בין זיכער אַז איהר האָט זעהר פֿיעל געקלעהרט וועגען מיר.—

— ביז הײַנט נישט —

שמייכלען פֿערפֿיהרעריש איהרע ענטציקענדע אויגען.

מיר האָבען ביידע געשוויגען, און דאָס שטעהען נעבען אַנאַנדער איז געווען אַזוי מין מאָדנע זיס און וואַרעם.. נאָר אָט האָט זיך געלאָזט הערען דאָס בורלעסק־אָבשפּעטענדע געזאַנג פֿון דעם קאָהל־גרויען אָבשרעקענדען קאָפּ וואָס האָט פֿעראַכטענד אויף אונז געקוקט דורך די אַקעגענאיבערדיגע פֿינסטער־פֿערגראַטעטע שטראַף־אַנשטאַלט פֿענסטערלעך, און מיר האָבען דערפֿיהלט אויף אונז לאַסטען אַ דריקענדע בייזע בושה וואָס האָט אונז געצוואונגען שנעל זיך צו שיידען.

---

אַליין נישט בעמערקענדיג ווען און ווי אַזוי, האָט די אַלטע הפקר־דיגע אויפֿגעלעבטקייט מײַנע, צוריקגעקעהרט אין איהר גאנצער גרויסער מאָס.

איך האָב פֿון זיך אַראָבגעוואָרפֿען די ענג געפּרעסטע שיך און ס׳איז מיר מחיה׳דיג פֿריי און גוט געוואָרען אויפֿ׳ן האַרצען.

דאָס מערקווירדיגסטע אָבער, וואָס אָט אונטער דער

פרעהליכקייט מיינער האָבען זיך איהרע טיעפע אויגען־ווינקלען בעמאָהלען מיט אַ קינדיש אונטערטהעניגען צוטרוי און די שטום־ציטריגע איבערגעבענהייט וואָס האָט נאָך יעדעס מאָל צוזאַמענטרעפען זיך בולט'ר און בולט ר געשטראַהלט פון איהרע גראַציעזע בעוועגונגען, האָט זיך אויסגעדעהנט ביז צו ברעניצלאָזער געטריישאַפט, אונטער וועלכער מיין תמיד איינזאַמע נשמה האָט זיך מיט טיעפער דאַנקבאַרקייט איבער איהר געבוקט און געבויגען.

נאָר פאַרוואָס טרינק איך פון איהר גליק בערוישענדען נאַאיוויטעט־קוואַל מיט אַזאַ איבערפולטער זאַטקייט?

— אַך יענע נאַכט האָב איך געהאַט אַזאַ שרעקליכען חלום! —

ערצעהלט זי טוליענדיג זיך נאָהנט צו מיר, און איך הער דאָס הויכע קלאַפען פון איהר האַרץ.

ביידע, ביידע, זענען מיר געזעסען אויף אַזאַ הויכען שפיציגען באַרג — אַך! דאָס אַראָבקוקען איז געווען אַזוי שרעקליך... אַזוי גוט... — נאָר איהר הערט! — פלוצים האָט זיך דער באַרג גענומען מורא'דיג שאָקלען, איך האָב אַזוי געציטערט, מיינע האָהר האָבען זיך צושויבערט, און... און... איהר הערט... איך האָב זיך אָן אייך פעסט אָנגעקלאַמערט האַ! — אויף אַמאָל האָב איך געשפירט ווי מיינע הענד דרייען און רייסען זיך, און באַלד בין איך געפלויגען אַראָב, אַראָב, און אַז כ'האָב זיך מיט אַ הויכען געשריי אויפגעכאַפט — האָב איך געוויינט און מורא געהאַט טאָמער ליעג איך נישט אין בעט נאָר עס חלומט זיך מיר אַזוי. —

— איהר זענט אַזאַ שלעכטע! ווי האָט איהר געקענט אַנטלויפען און מיך אַליין לאָזען אויף אַזאַ שרעקליך פערניכטענדען באַרג ?!

פריוו איך פערגעניגט רייצען איהר צאַפּעלדיג־אויפגערעגטע פאַנטאַזיע.

— הערט אויף! איהר זענט אַ שרעקליכער מענש!
— חאַ האַ חאַ!! —

און אין האָב געהאַלטען איהר פריש לעבענדיג האַרץ אויף מיין האַנד און געקוקט ווי עס צאַפּעלט זיך אין ליעבע און אין מורא...

דאָס ריהמען זיך מיט לייכט פראָבערטען זיעגער־גליק בעטראַכט איך פון תמיד אָן פאַר העכסט בעדויערענסווערטער קליינליכקייט, דאָך האָט מיך דאָס צופּען אין גומען און אין די פינגער שפּיצען געטריבען איינמאָל דורך אַ דיקען שיעף־פאַלענדען רעגען, אַריין צולויפען צו מיין פריינד דעם לי־ריקער מיט'ן פול־בלוטיג ברייטען גזלנישען פנים, ווען ס'איז אַמאָל פאַר שטאַרקער ליעבעס־וועה געשפּרונגען אַ אָדער פון דער לינקער האנד.

— זעהסט ברודער! —

האַלט איך פאַר זיינע אויגען מיט שטאָלצער זיכער־קייט איהר לענגליכע פאָטאָגראַפיע — זעהסט, אָט דאָס איז זי!

יענער לעגט אַוועק די פעדער, נעהמט דאָס בילד אין האַנד, און זשמורענדיג איין אויג קוקט ער פאָרשענד דורך דער פערמאכטער פויסט־לאָך דאָ פון נאָהנט, דאָ פון וויט און שוויינט.

— נו?

פויק איך אָנגעדולדיג מיט די פינגער.

— גאָר נישט! —

פערציעהט ער ענדליך זיין קליינעם פערוואַקסענעם שטערען אין דער פאָרם פון אַ אַרטיסטען־ליירע, און צו־קנייטשט גלייכגילטיג אַ פערקלעקטען פּאָעזיע־מאַנוסקריפּט.

— ווי אַזוי אָם! —

— אויף א האָהר נישט אינטערעסאַנט! —

גיט ער זי נאַכלעסיג אַ וואָרף אויפ'ן טיש, און מיך האַפּט אַרום יענע פערשעהמטע בייז־צוועהטיגטע · אומבע־

האָלפֿענקייט וואָס עס שפּירט זי נאָר אַ אומגערן אויסגע־פּאַטשטער מענש.

קומענדיג אויף מאָרגען אין פּאַרק האָט זי זיך שוין ערוואַרטונגספֿול געדרייט אויף און אָב פֿאַר'ן גלעזערנעם בלומען הײַזעל, אַ העלגעקליידעטע מיט אַ ניי־געפֿאָרמטער פֿריזור טיעף איבער די אויערען וואָס איז איהר זעהר נישט געשטאַנען צום פּנים. דערזעהענדיג מיך האָבען זיך אין איהרע באַקען צושפּיעלט רויט־בלויליכע פֿלעקען.

— שטענדיג טראָגט איהר נאָר נאַסע רויזען! —
בייגט זי זיך צו מיר און שמעקט.

— וואָס'זשע, דאָ האָט דען נישט גערעגענט? —

— כ'געדענק נישט! —

דער פּאַרק האָט געגליהט פֿאַר היץ און טרוקענקייט. דאָרך די גלייכגעשטרעקטע שפּילקאָווע צווייגען וואָס האָבען דורשטיג־מיעד און אָבהענגדיג געדרימעלט, האָט זיך געזעהען דאָס אַראָב־און־אַרויף פֿליהען פֿון די לאַנגע הוידע־שיפֿלעך אָנגעפֿילט מיט זעלנער און מיידלעך, און דאָס שנעלע דרעהענדיגע ראָד פֿון די הילצערנע פֿערדלעך הינד און באַראַנעס. א דיקער שווערער נפש מיט אַ רויט־געפֿאַלבטען קאַרק האָט מאַיעסטעטיש געריטען אויף אַ געל באַמאָהלטען חזיר. די פֿיס זיינע האָבען זיך נאָכהענגענד גע־טרעסעלט, און די הייזעריגע קאַטאַרינקע האָט דומפּף צוגע־שפּיעלט די אַריע פֿון דער „סאָרענטאָ".

— אייגענטליך! —

נעהם איך פֿילאָזאָפֿיערען, נאָר כדי זיך גוט איינצו־קוקען אין איהרע פּנים־ליניען, און איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך איבערצייגען, אויב זי איז באמת שעהן.

— יאָ, אייגענטליך איז דאָך די ליעבע נישט מעהר ווי אַ מאָמענטאַן קאַפּריזנע שטרעבען! —

רעד איך, שפּיעלענדיג זיך דערביי מיט דער שוואַרצער מאַטראָזען־שלייף אויף איהר ברוסט.

נאָר זי ענטפערט היינט זעהר ווייניג, און פיהלט זיך בכלל אומזיכער. גלייך זי וואָלט די גאַנצע צייט אויף אַ שמאָל בריקעל איבער אַ וואַסער געטרעטען.

— ווי רושנע ס׳איז! קומט אין יענער בלומען־אַלעע, דאָרט איז אַזוי טונקעל... קומט! קומט! —

טאָרעט זי מיך ביים אָרבעל.

— אַך ניין! איהר ווייסט, איך קען נישט ליידען אָט די אַלע שפּאַצירענדע הויקערס — ווי אויף להכעיס האָבען זיי זיך עפּיס אַלע היינט דוקא אַהער פערקליבען,

— קומט אַהיים!

מיר זענען שווייגענדיג געגאַנגען, און געפיהלט אַז אַ שוואַרצער קיהלער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָבגעלאָזט צווישען אונז ביידען, לייכט געוועהט און געבלאָזען, פערשטעלענדיג דאָ מיך, דאָ זי.

אויפ׳ן וועג האָבען מיר בעגעגענט אַ לאַנגע רייהע יונגע גלחים געפּאָרט צו צוויי. זייערע גלאַט־ווייסע נאַרישע פּנים׳ר האָבען אַרויסגעבלאַנקט פון די טיעפע שוואַרצע קאַפּשאַנען, מיט די רויטע ברייטע גאַרטלען. און אָט פון די רויט־געפלאָכטענע גאַרטלען האָט זיך געדאַכט, שלאָגט דאָס די שווערע פּייניגע היץ, וואָס דריקט אויף דער נשמה, און בויגט צו דער ערד.

— וואו וועלען מיר זיך אָווענד׳ס טרעפען?!—

פרעגט זי איינגעשטעלט פון דער זייט.

— איך ווייס נישט — מיר דאַכט אַז היינט בין איך גאָר פערנעבען. —

— אפשר האָטש אין טעאַטער? יאָ, יאָ, אין טעאַטער!

בעט זי זיך הכנעה׳דיג און קוקט אויף מיר מיט איהר פאָספאָר־גלאַנציגען בליק.

איך האָב עס איהר צוגעזאָגט.

אַז איך בין ווי געוועהנליך געקומען אַהער אַ פער־שפּעטיגטער, איז שוין די טונקעלהייט געווען אויסגעפּולט

מיט ווײַט-קלינגענדע קולות וואָס ציִען זיך ווי אַ שטראַהל פֿון דער רױשענדער װאַסערמיהל און פֿערהאַלטען זיך אַן די װײַכ-פּלושענע פֿאָטעל-לעהנען. מײַן פּלאַץ איז נעבען איהר און איהר פֿלאַמענדער פּנים קיהלט זיך אין מײַנע פֿינגער. דאַן בױגט זי זיך נעהנטער צו מיר און פּרעסט אָב אַ לאַנג-ציטריגען קוש אויף מײַן האַנד.

איך בין צוטומעלט געוואָרען.

— קינד מײַנס! דו האָסט מיך אַזוי איניג טרײַ ליעב

— איך דאַנק דיר! — איך דאַנק דיר!

האָב איך איהר אין דער פֿינסטער שטיל צוגע-שעפּטשעט.

אין די לעכטיג-בלענדענדע קאָלאָרען האָב איך דאַן בעמערקט ווי איהרע לײַכט-געקריצטע קנײַטשען קװעהר איבער די מויל ווינקלען, גלײַכען זיך, ווערען פֿערמעקט און איהר קאָנסעקווענט פּנים בעקומט דאָס רחמנותדיג-פֿער-חלומטע אויסזעהען פֿון אַ שלעכט-געהויעטער הייליגער אויף אַ פּראָווינציאָנעלען צווינטער.

— ערלויבט. — איך בעט אײַך — זיסע קרעם-באָנבאָנס! —

זי נעהמט שווײַגעדיג און איהר היל-פּלאָז-פֿערלעגענער שמײַכעל צווינגט מיך געדרײַצט און בײַז אָבצואווענדען דעם קאָפּ פֿון איהר זײַט...

---

גאַנץ אומוויליג בין איך אַרײַנגעריסען געוואָרען אין איהר פֿריעדליך-אינטימער הויז-פֿרײַנדשאַפֿט — און אלס אַזאָלכער האָב איך זיך צופֿריעדען-פֿערגעסענד אַרײַנגעוואָר-פֿען אין דער ציטערענד-אויפֿרײַצענדער שטראַהלען-נעץ, וואָס די מוטער מיט דער טאָכטער האָבען פֿון זיך געשפּרײַט און געוואָרפֿען איבער די שטאָלץ-גלאַנציגע סאַלאָנען.

— ניין טייערע, וואָס מעהר אייער שטעכענדיגע איראָניע טרעפט אין הארצען, אַלץ מעהר ווייטער און דערמיט ליעבער ווערט איהר. —

— האָ האָ האָ! אויף אַזאַ אופן איז מיין ציעל א פערפעהלטער? —

— יאָ! —

זיפצט זי.

דורך די נעלעכערטע פליעגעל פונ'ם בעשיצענדען מלאך, אויף די ווייס־טוליענע פענסטער־גאַרדינען, האָבען אַריינגעשפיעזט דינע רויטע זונען־שפיצען, זיי האָבען גע־פונקעלט אויף די גאָלדענע ביכער ריקען, צווישען די פער־שיעדענ־פאַרביגע קרעלען־פראַנזען, וואָס בעציערען דעם שעהן־געבלימטען הענג־לאָמפ, און געשימערט ווי אַ צעגליהטע גאָלד ־גירלאַנדע אַרום איהר לענגליך געשטרעקטען סערנע־קאָפ.

אַ וויכער לאַשטשענדיגער אַראָמאַט האָט זיך געטראָגען אַרום, וואָס האָט פערגאָסען דאָס הארץ מיט אַ זיס־בענקענדען מעלאַנכאָלישען טרויער.

שטום האָב איך זי צוגעצויגען צו זיך, און געקושט איהרע הימלישע פיכט־גלאַנציגע אויגען, גליק־בערוישט האָט זי בעהאַלטען איהר קאָפ אויף מיין ברוסט און הארציג שטיל געוויינט.

— ווייך, וויין קינד מיינס! דיך שטיקט ליעבע־גליק! דיין הארץ איז פול, פול...

דאַן האָב איך אויפגעבונדען די שוואַרץ־סאַמעטענע פליעגעל־מאַש פון איהרע טונקעל־ברוינע האָהר, זאָרגפעל־טיג געטהיילט זיי אין בעזונדערע פלעכטלעך, און טריי צאַרט זיי געגלעט.

— ועט איהר שוין זיין גוט? —

האָבען קינדיש־אונגלויבליך אויפגעלאָכטען איהרע טרעהרען־געפולטע אויגען.

— איך בּין עס תּמיד, מײַן ליִעבּע! —

דאַנקבּאַר ענטציִקט האָט זי געקושט מײַנע פֿינגער און בּײדע האָבּען מיר זיך האַסטיג אַ וואָרף געטוהן דערזעהענדיג פּלוצים צווישען די גרינע סאַלאָן־פּאָרטיערען די גראַציעז־שלאַנקע געשטאַלט פֿון איהר מוטער אין אַ גרעל־רויטען הויז קלײד. וואָס האָט בּולט אָבּגעשלאָגען אַיהרע פֿול־געטאָקטע גליעדער־פֿאָרמען.

— חאַ חאַ חאַ!! — בּין איך נישט אומשטאַנד געוועז אויפֿצוהאַלטען מײַן געלעכטער. שנעל לײכט זי אָבּגעשטופּט ווײַטער, אויף דער געבּליהמט־פּלושענער זאָפֿע, און פֿאַר התפּעלות גענומען קליאַטשען אין די הענד. חאַ חאַ חאַ!

— האָט איהר נישט אמאָל בּײַ זיך אַ שטעק־נאָדעל? —

האָט יענע ווי גאָר נישט בּעמערקענדיג, האַלבּ־שפּאַס האַלבּ־געררײצט זיך צוריק־ציִעהענד געשמײכעלט, וועהרענד זי, אַ רויט־בּעגאָסענע פֿערשעהמט־צוטומעלטע האָט זיך צעשראָקען איילענדיג גענומען פֿלעכטען און פּלאַנטען די האָהר פֿאַר דער הויכער שפּיגעל־בּאַלוסטראַדע, נישט אײַנשטעהענדיג אויף אײן אָרט, פֿון דער בּריהענדיגער פּאָדלאָגע.

אָ וויִפֿיעל ענטציִקענד־עסטעטישען פּראַכטגענוס ענט־פּלעקען אַזעלכע שטום־פֿערווירטע ליִעבּע־סצענען פֿאַר אַ קונסט־דורשטיג אַרטיסטען־אויג!

— מינקאַ! טוה זיך אָן וועלען מיר אַלע געהען אויפֿ׳ן שלאָס־בּאַרג! —

האָט זיך די מוטער ווידער דאָ בּעוויזען שוין אין אַ העל זײדען מושלין־קלײד מיט ווײַט ענטבּלעזטען ווײַס שמעקענדיגען האַלז.

— און איצט, קינדער, ! — ווער פֿערשפּיליעט מיר דעם קראַגען?! —

— אָ בּיטע! —

האָבּ איך זיך אַ חאַפּ געטהון, און מײַן האַרץ האָט

זיך העפֿטיג צעשאָקעלט ביי דער נאָהנטקייט פֿון איהר הויך־ בעוועגענדען בוזעם.

— אוי זענט איהר אַ שלימזלניק! נו פֿעסטער ציהט צו! —

איך האָב זיך צו איהר ענגער צוגעדריקט און ס׳איז מיר היים געוואָרען אין האַלז־און־נאַקען. איהרע נאַקעטע ראָזאַ־געפֿלעקטע אָרעמס האָבען נאַכלעסיג אַראָבגעהאָנגען און נישם האָבענדיג וואו זיך אַהינצוטהון האָבען זיי זיך וואַרעם אַרויפֿגעלייגט אויף מיינע אַקסלען.

— לאָזט, לאָזט איהר קענט נישט! — — — —

האָט מיך אין דער דאָזיגער מינוט די טאָכטער פּלוצים ווילד פֿון הינטען אַ ריס געטוהן, און ציטערדיג־בלאס האָט זי געהאַפּט צוזאַמענציהעןביידע עקען פֿונ׳ם וויים־שטייפֿען קראַגען אַזוי שנעל און רצהה׳דיג גלייך זי וואָלט געוואָרפֿען גליהענדע קוילען פֿון איין האַנד אין דער צווייטער.

— גע, איך וועל שוין אַליין! —

האָט די מוטער מיט בעהאַלטענעם כעס זיך פֿריי געמאַכט פֿון איהרע הענד און ביידע אויסמיידענדיג זיך מיט די בליקען האָבען צוגלייך גענומען עפּעס זוכען, און צוטומעלט זיך צושנירען די שיך...

איבערזעטיגט מיט שטייף־געצויגענע נערווען, האָב איך זיך געזעצט ביים פֿיינגעשניצטען שרייב־טיש און מע־כאַניש געגלעט „פּלאַטאָס" קאַלטע מאַרמאָר־ביוסט מיט דער בלויער שאָטען־פֿאַרב און זיינע טיעף־געקרויזטע באָרד־קנייטשען.

מיר זענען אַרוים אין גאַס. די געדאָפּעלטע טראַמוואַי־וועגען האָם מיט זייער פֿעררונדעטער גלייכפֿאָרמיגקייט האָבען זיי ערינערט אין צוזאַמענגעטשעפּעטע מאַי־קעפֿער; האַבען זיך גרילצענד־ליאַרמענד געריקט, פֿול געפּאַקט מיט טרוקענע נאָך שאָטען־לעכצענדע פּנים׳ר. און באַלד

זענען מײַנע אויערן געשטאָכען געוואָרען פֿון באַנאַלער ענטציקונג וואָס האָט זיך געטראָגען אין די פֿערטרויליך קיהלע שלאָסבארג אַלעען.

— אפשר וואָלטען מיר אַרויף־געקלעטערט אויפ׳ן „קאָפּיעץ״ ! —

דער וועג אהין צום שפּיץ צו, וואו ס׳שטאַרט אַרוים אַ הויכער סלופּ מיט אײַנגעקריצטע נעהמען פֿון פֿערליעבטע, האָט זיך געדרעהט שרויבען־ארטיג אין דער הויך ארום גע־צוימט פֿון שטעכענדיגע דראָטהען אויף וועלכע ס׳זענען שוין געהאָנגען טרוקען פֿערבליהטע פּלאנצען, און געקאָרטשעטע בלעטער.

די פֿלאכע בלעכדעכער הינטען צו די פֿיס האָבען זיך צוזאמען געגאָסען אין איין פֿעסט פֿערגליווערטער מאסע נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך ווי א שמאָלע שטעזשקע גע־שווארצט א טיעפֿער גאסען־חלל, איבער וועלכען ס האָט זיך אויבען אונטער דער מאטער סוף־זומער זון געשלענ־געלט אַ שווארצע פֿויגעל־סטענגע, וואָס ציעהען נאָך אויף זייערע פֿליגעל די לאנגע שטויבינע זומערטעג, און די גרינע זאפֿטיגקייט פֿון בוימער און גראָזען, בעמאָהלענדיג נאָך זיך אלץ ארום מיט א געלען רייפֿען זשאווער.

אָבגעמוטשעט וואקלענדיג זיך, זענען מיר אלץ נעהנ־טער און נעהנטער געקומען אין דער הויך.

פֿאר שווער־פֿעליג־מיעדער היץ זענען די פֿרויען געצוואונגען געווען אלע ווײַלע זיך אָבצושטעלען און אָברוהען. זייער קורצער אָטהעם און די אָבגעמאטערטע פֿער־שפּיצטע פּנים׳ר האָבען מיך ארום געהילט מיט נודנער לאנגווײַלע, און זייענדיג נאָך געצוואונגען צו שטיצען זיי מיט מײַן אָרעם, האָב איך פּלוצים דערפֿיהלט אז א פּוסטע איבלע שרעק דריקט און פּרעסט מיך אונטערן הארץ, און ס׳האָט זיך מיר געדאכט אז איך זיץ אויף א הארטען וואָגען און שנײַדענדיג זיך אָקעגען ווינד, האָט ער זיך נאָך מורא׳דיגער

ווי תמיד גענומען ווארפֿען און טרעסלען איבער די שאַפֿראַן-געלע בוימער־שפּיצען און ברייטע רויטע ציגעל-קוימענס.

---

בעמערקענדיג אז איהר אונטערטעניגע געגענווארט רופֿט ביי מיר נאָר ארויס יענע פֿערזאכטענדע ביזקייט מיט וועלכער מען טראקטירט געוועהנליך צודרינגליכע נישט געוואונשענע געסט, האָב איך אויסגעמיטען נישט צו בעגעגנען זיך מיט איהר. און זי האָט עס פֿערשטאנען. איך פֿלעג עס לעזען אין איהר נאָגענד־פֿערבענקטען בליק וואָס זי פֿלעגט מיר האָפֿנונגלאָז צו ווארפֿען דורכ'ן ברייטען קאפֿע־הויז פֿענסטער.

און טרעפֿענדיג זיך מיט איהר איינמאָל אָווענד'ס אויפֿ'ן בולוואַר, האָב איך אויפֿגעלייגט מיט מיין געוועהנליך שפּאסהאפֿטען טאָן גענומען איהר ערצעהלען פֿון מיינע פֿרעהליכע נאכט־שפּאציערען, געפֿרעגט זי מבינית אויף דעם ווייסקוטשעראווע הינדטעל וואָס איז צום פֿערקופֿען ביים בלויען דרימעלדיגען „עקספּרעס" אויף די ארויסשטארענדע מויערען-געזימסען, און גלייכגילטיג אָבגעשטעלט דאָס שפּאציערענ-לויפֿענדע מיידעל מיט די צושפּרייט־אויפֿגעשטעלטע הוט-פֿליגעל וואָס ווארפֿט היילענדיג איהרע פֿארבלאָזע אויגען מיט דער קאָמישער מינע פֿון א האָהן אז ער ווערט איבער-געשלאָגען אין מיטען קרייען.

— איהר זעהט אָט די! — אין איהר נאָטיץ־ביכעל גרייכט די נעהמען־צאָהל פֿון איהרע ליעב־האָבער, שוין אריבער דעם צווייטען טויז.

— האָט איהר מיט מיר פֿון עפּעס אנדערש שוין נישט וואָס צו רעדען? —

ענפֿערט זי מיט א טריעב־טרוקען קול אין וועלכען ס'הערט זיך דער קרעכץ פֿון געבראָכענע הערצער, און צוט־עטענע נים־שאָלען.

— פון עפעס אנדערש? — הם — ניין! —

און נאך אמאל קומען אונז אקעגען די זעלבע צו־דרינגליכע מאט־גרין פון גאז־ליכט בעגאסענע פנים׳ר. די זעלבע אבגעריסענע ציינטונג־ און בלומען־יונגלעך דרענגען זיך חוצפהדיג מיט זייערע גרילצענד־געצויגענע קולות אויף דער זעלבער אלטער שאנסאנעטקע מיט די שווארצע סנאפעם פעדערן און רויט־געפארבטע ווארצלען אונטער די מיט מידען האס געפולטע אויגען, זי ריקט זיך מיט איהר שווערען קערפער הארט ביי די גלימערנדע שויפענסטער פער־שפרייטענדיג ארום דעם שרעק פון יענעם צעקרימטען פנים וואס קוקט אריין ביי נאכט דורכ׳ן איינזאמען שווארצען פענסטער.

בררר! ווי מורא׳דיג!

און זי זעהענדיג דעם איינזאמען אומעט, וואס לויפט פאר מיר פאראוים, האט זי זיך לאסט־פערפולט געגומען נארען און קארטשען אין איהר ברוינעם מאנטעל מיט׳ן שנאל פין הינטען, כדי אזוי ארום ווענינער נעבען מיר פלאץ צו פערנעהמען.

און אט דאס איז דער קוואל פון לעבען? אט אהער אנטלויפען מיר זיך אבפרישען פון די ארומיגע דריקענדע בישטיגקייטען? — קלעהר איך קוקענדיג ווי איהרע שווארצע אויגען־לידער זינקען פאמעליך און עפענען זיך האסטיג, גלייך זי וואלט געהענדיג געדרימעלט.

— ס׳וואלט גלייכער געווען, מיר זאלען זיך קיין מאל מעהר נישט בעגעגענען, — אט וואס! —

זי שווייגט.

פאר א ליכטיג פאטאגראפיע־שויפענסטער בלייבען מיר ביידע שטעהען, די פערבערגענדע פנים׳ר קיקען אונז נאך מיט זייערע פערשידען־דייטענדע בליקען, און פלוצים, בעמערקענדיג אויבען אונטער דער שויב דאס אנגענעגעלטע מעשענע שילדעל מיט דער פירמא אופשריפט: פאטאגראפ

ל'מאריאנאַ" האָבּען זיך אונזערע בּליקען געטראָפֿען — און די געדיכטע שוואַרצע פֿינסטערניש איז געשפּאַלטען געוואָרען פֿון א בּלענדענד-שניידענדען זיג־זאג-בּליץ וואָס האָט אויף איין רגע בּעלאָכטען א טיעפֿען שוואַרצען תהום געפּלאַסטערט מיט רויטע שטיינדלעך אויף וועלכע ס'האָבּען געגלאַנצט טונקעל-פֿערגליווערטע מאַרך־שטיקער.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

— ? —

— און דאַן ? —

צי וועט אייך דען ווייטער אינטערעסירען?

נו טאָ ציגדט'זשע אָן דעם לאָמפּ — און וואַרטט א ווײַלע. —

יאָ! — און דאַן, — דאַן, האָבּ איך זי שוין מעהר נישט געזעהען — נאָר פֿון דעם לעצטען מאָל שיידען זיך מיט איהר האָבּ איך געזוכט צו אַנטלויפֿען און איבּערלאָזען אונטער מיר דעם דיקען גרויען שטויבּ־וואָלקען וואָס האָט זיך מיר נאָכגעשלעפּט פֿון הינטען און געדראָהט, אָט אָט מיך אַרומצוהילען און פֿערשלינגען.

צייטונגס-קראַניק לעז איך זעהר גערן, אָבּער זעלטען. נאָר איצט פֿלעג איך נישט פֿערפֿעהלען טאָג טעגליך מיט הײַלענדיגער התמדה דורכצוקוקען די קליינע סענזאַציאָנס־געשעהנישען און ווי פֿאַרבּערייט האָבּ איך אויסגעשטעלט דעם שטערען פֿאַר דעם אייזערנעם האַמערשלאַג וואָס האָט מיר אַמאָל פּלוצים פֿון מאָרגען־קוריער א שפּרינג געטוהן — „דיעזע און דיעזע, האָט זיך דאָרט און דאָרט, אַדאָבּגעשטירצט פֿון דריטען שטאָק, די סיבּה א אומגליקליך ליעבּעס־פֿערהעלטניס" א. ז. וו. א. ז. וו. —

טויט?

ניין! אבסאָלוט נישט מעגליך! —

אלזאָ נאָך אמאָל: „דיעזע און דיעזע, דאָרט און דאָרט אראָבגעשטירצט פון דריטען שטאָק“.

גאנץ דייטליך!

אהא!

אויף דער צווייטער זייט וועט בעשטימט בעמערקט זיין, אז ס'איז א טעות — יאָ א טעות!

ווי אזוי זשע האָב איך דאָס תיכף נישט בעגריפען?

מאָרגען וועל איך זי אויפזוכען — אומבעדינגט מאָרגען! — אזוי האָב איך אין יענער מינוט בעשלאָסען און געפּרובט אויסגעפינען אין דעם גאנצען חאָאָס פון צושלאָגענע וועהטוהענדע געדאנקען, וואָס אזוינס פאָרט ס'איז מיר אריינגעפאלען אין די אויגען וואָס זיי טרעהרען און זעהען אלץ נאָר רונד און טאנצענדיג.

פאמעליך, פאמעליך, און מיט א מאָדנער רוהיגער כמעט פריידיגער לייכטיגקייט. וואָס טרעט געוועהנליך איין, נאָכדעם אז די פעסטע זיכערהייט אָן דעם ערשטען איבערגערימענעם אומגליקס־פאַדעם, האָט זיך צושפּרייט איבער'ן גאנצען מוח, האָב איך איבערגעמישט דאָס בלאט און בעטראכט א צעפלעטשטען פרויען־קערפּער מיט פערמאכטע פויסטען. פון דער געגענד פון קאָפּ האָט זיך געצויגען א סטענגע בלוט וואָס האָט זיך ווייטער אביסעל אויף די קוואדראטנע שטיינדלעך צוגאָסען אין א ברייטער קאלוזשע.

אויבען ביי דער זייט איז געוועזען צו זעהען א י ה ר לעצטע פאָטאָגראפיע — די זעלבע וואָס ביי מיר אין שרייב־טיש — נאָר דאָ זענען די אויגען אין גאנצען פערמעקט פון דער דרוק־פארב — אַך א י ה ר ע א ו י ג ע ן! — האָט פּלוצים, אין מיר אויפגעפלאמט אַ אומבעוואוסטע שטיקענדע רציחה צו עמיץ וואָס האָט עפּעס שרעקליכעס בעגאנגען.

נאָר באלד איז אָט דער כעס ווי א בליץ פֿערלאָשען געוואָרען, און מיט רוהיגער קלאָהרער רעזיגנאציע האָב איך א פּאָר מאָל הויך אויף א קול איבערגעלעזען די פֿאָלגענדע געוועהנליכע צושריפֿט אונטער אלע בילדער: אויסגעפֿיהרט פֿון אונזער שפּעציעלען „פֿאָטאָגראף ל׳מאריאנא!“



# וואוּה יִן.

## וואוהין.

קיין מענש אין דער וועלט האָט דאָן געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען, יאָ, אָט דאָס עלאסטיש־קרעפּטיגע זיבעצעהן־יאָהריגע שלומערענדע יונגעל מיט דער טויאיגער פֿייכטער פֿרישקייט אין זיינע גרויסע גלאנציגע אויגען, איז פּלוצים איינמאָל אין א לוסטיגען הערבסט־פֿריהמאָרגען פֿערשוואונדען — פֿערשוואונדען, און קיינער וואָלט נישט געוען געוואוסט דאפֿון, ווען נישט א קליין ווייס צעטאלע וואָס האָט זיך אין א פּאָר טאָג ארום בעוויזען אין זיין פֿענסטער, מיט דער אַנצייגע אז דאָס צימער איז פֿריי צום פֿערדינגען. — און מעהר גאָר נישט.

און אויך ער אַליין האָט נישט געוואוסט פֿון זיין פֿערפֿאלען ווערען. — ניין ער האט נישט געוואוסט.

דען קיין מאָל האָט ער געקלערט דאריבער, אפילו נישט אין יענע ערשטע צעבראָכענע טעג ווען ר'איז פֿון אַ געגענד מיט ווייס־ווענדיגע פֿריעדליכע שטיבלעך, גראָז, בלומען און ביימער, ארייַנגעפֿאלען אהער אין דעם פֿארביגען תהום פֿון יאָגעניש און מוח־קריצישען געפּילדער.

צו יענער צייט האָט ער נאָר געבענקט נאָך יענע שווארצע בעדיכטע נעכט, וואָס פֿלעגען אַזוי ניינעריג שרעקענד פֿערצאפּלען, זיין יונג ברויזענד האַרץ.

דאָ איז דאָך קיינמאָל נישט פינסטער! און געטריבען פון דריקענדער איינזאמקייט דורך די לאנגע ווינטלענדע גאַסען, האָט ער אָנגעשטרענגט דעם גאנצען ווילען ארויסצוקומען פון דער אלטער וואסערמיהל דאָרט הינטען אונטערן געלען צעקרושעלטען בארג, ווי ס׳טארקאָטשען ריעזיגע שטאפעל-רעדער און ברודיג מעהל פערפראָשעט די אויגען, דעם אָטהעם, און גיסט זיך שווער אין אַלע אברים גלייך ער וואָלט זיך ערשט האָבען אויפגעהויבען פון דער טרעסעלדיגער אייזענבאַהנ־קופע-באנק.

ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיך איינגעוועהנט אזוי אז אפילו דאָס חוצפה׳שע מויל-פייפען פון יענעם באָרוועסען געשטופעלטען מיידעל אקעגען אין פענסטער האָט איהם מעהר אזוי נישט גערייצט און פערציטערט.

און דאן האָט ער זיך אויך בעקענט מיט שטיינבערג׳ן א שווארץ־געקליידעטען וויאָלינ־שפּילער, מיט אַ טונקעלקלוג פנים און גרויסע אָבשטעהענדע אויערען.

געשעהען איז עס צופעליג אין קאפע־הויז ווען זיי זענען געזעסען ביי איין טישעל און יענער האָט זיך אלס פאך־קענער ענטציקט פון די צום טאקט־געפיהרטע אָנגעזייפטע בויגענס מיט וועלכע די שעהנ־געפארבטע דיקע קאפעלע־שפּילערינס „מארקירען״.

— איך בין זיכער, ווען די פיעדעל זאָל פלוצים אָנהויבען שפּילען דאן וואָלטען זיי ווי אמת׳ע מוזיקער די קאפעלע מיטגעהאָכפען.

— און די פלייט דאָרט ביי יענער מיט די שווארצע חן־פרישטשעקלעך ?

פרעגט ער מיט קינדישען שטוינען.

— איז פערשטאָפּט מיט וואטע ! —

ערקלעהרט שטיינבערג אויף א הויך געלעכטער וואָס קייקעלט זיך אין דעם אומענדליך-בלענדענדען שפּיגעלזאל.

און אַז זײ זענען שױן גאָר נאָהנט מיט אַנאַנדער בעקאַנט געװאָרען, האָט איהם אײנמאָל שטײנבערג פֿערבעטען צו זיך אַהײם.

אין עק גאָלובאָװסקי־פּלאַץ האָט זײ פּלוצים אונטער די פּלײצעס אָנגעיאָגט אַ שװאַרצער טויטען־װאָגען.

— ליאָנעק! ליאָנעק! —

רופט פון דער קעלניע אַ קלײן יודעל מיט אַ בלאָנד בערדעל אין אַ טיעפען שװאַרץ-גלאַנציגען צילינדער־הוט.

— ליאָנעק! —

שטײנבערג האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ הױכען: אַה דער טאַטע! שנעל צוגעגאַנגען און אַ קוש געטהון דעם פֿאָטערס געל פֿערהאַרטעװעטע האַנד.

ליאָנעק! זאָג דאָרט אין דער הײם אַז כ׳װעל הײנט שפּעט קומען — אָסך אַרבײט פֿאַרהאַן...

— גוט. —

װעהרענד דעם האָט ער אָנהאַלטענדיג זיך אין פֿרײנד׳ס אָרעם געציטערט מיט אַ מאָדנע אונבעװאוסטען קאַלטען שרעק, זײַן בליק האָט זיך מיט טעמפּען עקשנות אײַנגעטרונקען אין דעם יודענס קלײנע פֿרעהליכע אײגלעך, און איצט דאָס ערשטע מאָל אין זײַן יונג לעבען האָט איהם אַ שטאָך געטהון אַ אומקלאָהרער פֿינסטער־פֿערװאָלקענטער געדאַנק ארום װעלכען אַלע איבריגע פֿערהלומט־דרימעלדיגע האָבען זיך צעפּראָשעט װי אַ שטויב־הױפֿען אין װינד.

אַז דער װאָגען איז שױן געװען װײַט אַװעקגעראָלט האָט נאָך פֿאַר זײַנע אויגען געטאַנצט אַ לאַנגע שורה גרויע שטאָלערנע אותיות אַרומגעהילט פֿון אַ שװאַרצען דעקטוך מיט װײַסע פֿראַנזען.

שטײנבערג׳ס פֿאַמיליע בעשטעהט פֿון אָט דעם פֿאָטער אַ טויטען־פֿיהרער און צװײ שװעסטער.

אין אַ געװעהנליך אָבער זאָרגפֿעלטיג מעבלירט צימער האָט די עלטערע שװעסטער אַמאַליאַ אַ מײדעל פֿון אַ יאָהר

18 מיט אַ ברייט מאַנסביליש פּנים און קורצע ווייכגעקרויזטע האָהר, דערלאַנגט לימאָנאַד, און די אַנדערע 14 יאָהריגע קלארא מיט רונדע טיפֿע איינגעלעך און אַ ווייס לײַכט-געפֿאַלבט העלזעל, האָט איהם בעטראַכט מיט אַ קינדיש נייגעריגען בליק שפּיעלענדיג זיך דערבײַ מיט אַ אונגעהויער גרויסען ברוין-געפֿלעקטען הונד, דער הונד האָט איהר געלעקט איהרע רונדע הענדטלעך און זי האָט ענטציקט געטיליעט איהר חנו'דיג פּנים'ל צו איהם.

בײַם טיש האָט ער זיך געפֿיהלט געצוימט און געענגט׳ געערעדט האָט מען פֿון אַ דיכטער — אַ האָטעל-דיענער און פֿון אַ נײַעם סאָרט אָריענטאַלישע שאָקאָלאַדען.

— איהר ווייסט וואָס כ'האָב בעמערקט? — שמייכעלט קאָקעטיש אַמאַליאַ. — כ'האָב אויסגעפֿונען אַז די קרומע ציין און די ברייטע קורצע פֿינגער אייערע, האַרמאָניערען זעהר מיט אייער אונזיכערען בליק — יאָ איהר האָט עפּעס מיידלעשעס אין אייער פּנים.

— און מײַן סומעק (אַזוי רופֿט מען דעם הונד) איז אַ גרויסער עקשון — נאָר האָט ער אָבער אַ ווייך האַרץ — הערט איהר! —

וועגדעט זיך אויך די קליינע נאָהנט איהם אין פּנים, איהר קול'כל איז אַזוי מאָדנע זים און ציטערדיג, און אין גאַנצען דערמאַנט זי איהם ווײַסע טובעראָזע-בלומען.

דאַן האָט ער געערעדט און געלאַכט מיט זיי פֿרעהליך אויפֿגעלעבט, און היים, היים, האָט ער פֿערזיכערט צו קומען תמיד אין אַזאַ זעלבער ברייטער קראַוואַטע ווי הײַנט.

בײַ זיך אין צימער איז ער אַרום געלאָפֿען פֿון איין ווינקעל צום צווייטען, ברייט געעפֿענט אַלע פענסטער, הויך געזונגען, און דער מוטשענדער חשק צו שפּיעלען זיך מיט אַ גרויסען געפֿלעקטען הונד האָט איהם געקיצעלט און געבריהט אין די הענד-פֿלעכע — אַ הונד ווי נעהמט מען אַ הונד.

אַ וואונדערליך הויז אָט ביי די שטיינבערגס, ער קומט צו זיי יעדען זונטאָג, און אַז די פרייליכקייט גרייכט די העכסטע שטופע פון פערגעסענהייט און יעדער יונגער אבר לאַכט און זינגט מיט לוסטיגער פרייד־בעגיער, דאַן בעווייזט זיך פלוצים זייער פאָטער יענער יוד מיט'ן בלאָנדען בערדעל און אונטער זיין טרוקענעם קאַלטען בליק דערשפירט ער אַ אָבגעמוטשעטע שוואַכקייט אין די הענד, גלייך מען וואָלט זיי איהם געקרעמפעוועט אין דיקע פעסטע שטריק. שטום פערציטערט בלייבט ער זיצען און קיקט ווילד אַרום זיך. אַמאַליא בעמערקט זיין צערידערטקייט, נעהמט רחמנות'דיג זיין האַנד אין די איהריגע, גלעט איהם דעם קאָפ און בעט איהם עפעס צו רעדען

ער שווייגט.

— נוזשע האַ! זאָגטזשע עפּעס! —

פיעשטשעט זי זיך פערקרימענדיג איהר ברייט פנים.

— איהר זענט ענליך צו אַ יאַפּאַנער! —

ענפערט ער שנעל מיט דער היילענדער בייזקייט פון אַ פערקלעהרט־לויפענדען מענשען אַז מען שטעלט איהם פלוצים אָב מיט דער קלאָץ־קשיה: וויפיעל איז דער זייגער?

נאָר דאָ לאָזט זיך הערען קלאראַס וויאָלין־שפּיעלען וואָס צופּראָשעט דעם פיינגליכען שמועס און פולט אָן דאָס צימער מיט ערקוויקענד צאַרטען בלומען־דופט, — אַך איהר שפּיעלען, איהר שפּיעלען!

ביים שפּאַציער האַלט זיך אַמאַליא פערעקשנט נאָהנט אין זיין זייט, אַזוי אַז זיין קאָפּ קומט אוים אונטער איהר ברייטען הוט, און קלאַרא נעבען ברודער.

— הער נאָר שטיינבערג! ווייסט אַז כ'פאָהר אָב פון דאַנען! —

זאָגט ער סאַרקאַסטיש נישט דולדענדיג אַמאַליא'ס היינגעריגען בליק אויף זיך

— אָבער מיך וועט איהר דאָך מיטנעהמען?

מאַכט די קליינע און צולאַכט זיך הויך אויף איהר זיסען נאַאיוועז געלעכטערל, דאס דאָזיגע געלעכטערל וואָס פערנעבעלט זיינע אויגען, און מאַכט זיי עהנליך צו פערפאַרעטע שויבען.

— יאָ! —

שטאַמעלט ער און בעהאַלט דאָס פּנים צווישען די ברייטע גלאַטע חריין-בלעטער כדי די ברוהענד-רויטע פאַרב צו פערווישען.

ער האָט ליעב זיינע פייגעליך מוטשענדע געדאַנקען וואָס רייסען ביי איהם אַרום ביי נאַכט אויפ'ן געלעגער געלעכטערס און טרעהרען צוזאַמען. ער וואָלט זיך זעהר, זעהר גוט געפיהלט ביי זיי אין שטוב, ווען נישט אַמאַליאַ'ס נודנע צערטלערייען וואָס עקלען איהם אויף דער נשמה — וואָס וויל זי מיט איהרע תאוה-שפּיציגע בליקען?

נעכטען איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע געשיכטע אַהינקומענדיג איז קיינער אויסער די שוועסטער אין דער היים נישט געווען.

— איך וועל אייך עפּעס ווייזען! —

לויפט איהם קלאַרא אַקעגען מיט אַ פערשיימט-קינדיש שמייכעלע און דערלאַנגט איהם אַ גרויסע פאָטאָגראַפיע פון אַ סך שולע-קינדער.

— נו זאָגט! וועלכע געפעלט אייך דאָ אַם בעסטען האַ? —

שפּאַרט זי אָן איהר קעפּעל אויף זיין האַנד און איהרע איינגלעך בלישטשען מיט קינדיש-פריידיגער נייגיערדע.

ער קוקט צעמישט און בשום אופן איז ער נישט אום שטאַנד זי אָבצוזוכען, אַלע קינדער בעקומען מיט אַמאָל איין פּנים, וואָס מאַכט זיך תמיד ביי פערשטויבטע סאָלדאַטען, נאָר באַלד דערשפּירט ער אַ גליהענדע היץ אין שטערען — אָט איז זי! — אָט זעגען איהר טאַטענס מורא'דיגע אויגען...

ער ציטערט מיט אלע אברים, און אויפ'ן פנים צעגיסט זיך איהם יענער נאריש פערלעגענער שמייכעל, וואס באווייזט זיך נאר ביי פערליבטע און ביי מענשען וואס ווערען מיט געבעט גענויט צו זינגען.

דאס אלץ האט אמאליא צוגעזעהען מיט פערביסענע ליפען — און פלוצים מאהלט זיך אויף איהר פנים די שטאלערנע קאנסעקווענץ אריינצושפרינגען אין דער ברענענדער חורבה און דאס טייערסטע פון דארט ארויסצוראטעווען, מיט א ווילדען בויג רייסט זי איהם ארויס דאס בילד פון דער האנד, שטיפט אב די צעשראקענע שוועסטער אויף א זייט, און כאפט איהם ליידענשאפטליך קושען.

יענע נאכט איז ער נישט געשלאפען, נאר פארטאג האט ער געבלאנזעט רייטענדיג אויף א שנעע ווייסען פערד ערגיץ אין א געדיכטען שווארצען וואלד צווישען שפיציג־שטעכענדיגע צווייגען.

---

מעהר געהט ער נישט אהין — ניין! — נאר בעגעגענדיג זיך נאך אין דעם זעלבען טאג מיט שטיינבערג'ן איז דער דאזיגער בעשלוס בליץ-שנעל פון זיין מוח פערפלויגען.

וואס איז דיר געשעהן? — וואונדערט זיך יענער — אמאליא וועט דאך שטארבען פאר ליעבע צו דיר — חא חא חא!

הערענדיג די דאזיגע ווערטער דערשפירט ער אין מויל א מיאוס'ע זויערקייט גלייך ער וואלט זיך דערוואוסט אז ר'האט איינגעשלינגען א שפין.

אהין קומענדיג איז איהם אמאליא אקעגען געלאפען מיט א טריומפפיהרענדער שומחה און האט איהם געקושט אויפ'ן מויל.

— מײַן טײַערער בּיזט נעבּיך קראַנק געװעזן? אַך װי איך לײַד דורך דיר! —

דריקט זי איהם גליקליך־צופלאַמט צו זיך, און פרעסט אַרױס גרױסע אַנגסט־טראָפּען אויף זײַן שטערען.

אָ װאָס פאַר אַ דיקער האַלז בּײַ איהר!

קלאַראַ האָט זיך װי תמיד געשפּיעלט מיט איהר הונד, און אױסגעמיטען נישט צו קוקען אין יענער זײַט אַרײַן, פערשטעהענדיג נישט צו שטערען דער שװעסטער. דאָס האָט איהם געשטאָכען אין הארץ, און זײַן פּנים איז בּאַלד בּלאַס בּאַלד בּלאָה געװאָרען פאַר צער און בּושה.

און אַזױ האָט זיך אַ לאַנגע צײַט געדרעהט און גע־װיקעלט דער דאָזיגער פערװירטער שטעכענדיגער פּליאָנטער װאָס האָט פערװיקעלט זײַן האַרץ, זײַן מוח, און שפּאַר־לאָז פערװישט דעם טױאיג־פּײַכטען גלאַנץ פון זײַנע לוסטיגע קינדישע אױגען, פערשפּרײַטענדיג דאָרט א טיעף טרױריג רעזיגנירטע מעלאַנכאָליע װי בּײַ א לאַנגיאָהריגען חולה.

אַמאַליא האָט איהם מיט פעסטער זיכערהײַט עפּענט־ליך פאַר איהרען ערקלעהרט — און זײַן אײַנגעבױרענע קינדישע װילען־לאָזיגקײַט איז נישט אימשטאַנד געװעזן אַרױסצורײַסען און בּעפרײַען זיך פון דעם שװינדלענד־יאָ־גענדען פּליגעל־ראָד.

װעהרענד דער צײַט איז די קלײַנע קלאַראַ געװאַקסען און איהרע בּרוסטלעך װי צײַטיגע עפּאַלעך זענען אַלין בּולט׳ר און בּולט׳ר אָבגעשטאַנען אונטער איהר רײַצענד װײַס בּלוזקאַלע אויף װעלכען ס׳איז קאָקעטיש פערװאָרפען גע־װען א האַלב צעלאָזטער שװאַרצער דיקער צאָפּ.

אָ די װײַסע דינע, זיך בּעװעגענדע בּלוזקאַלעך, מיט די האַלב צעלאָזטע פערװאָרפענע דיקע צעפּ אויף זײ!

איהרע קלײדלעך האָט זי אַלע מאָל בּײַטען געמוזט, און אַחײַם געהענדיג פון שולע האָט זי זיך אַלין לענגער און לענגער אױפ׳ן בּולװאַר פערװײַלט — צוזאַמען דערמיט

איז אויך געוואקסען איהר הן און איהר שעהנקייט פון וואנגען ס'האט זיך געשפינט און געצויגען זיין שטראהלען-לייכטער לעבענס-פאדעם. און ארום וועלכער ער האט שטום און ליידענפול ארום געפלאטערט ווי א נאכט-שמעטערלינג ארום ברענענדיגען ליכט.

מיט שמערצליכען בעזארגען און ווילדען הארץ-ציטער האט ער געפארשט און שפיאנירט איהר טאג טעגליך צע־ווארפען געמיטה, און נישט איינמאל איז איהם אויסגעקומען עדות צו זיין פון איהרע פלוצימדיגע הארצאויסגיסענדע שלוקעכצען און ספאזמאטיש-צופלאמטע זעלען-אויפרייצונגען.

אין אזעלכע מינוטען פלעג זי מיט פערטראכטענדען האס און צארן קוקען אויף זיין ברייטער קראוואטע, און נאך העפטיגער און העפטיגער צו וויינען זיך...

— וואס איז אייך? זאגט מיר... זאגט מיר... —

פלעג ער א געבראכענער די טרעהרען־שלינגענדיג זי בעטען, און אלם אלטען הויז-פריינד האט זי איינמאל בעשלאסען צו פערטרויען איהם אין איהרע ברענענדע „סודות".

— איהר הערט! — זאגט זי צו איהם און איהרע אייגעלעך בליצען מיט א גיעריגען פלאם — איהר ווייסט דאך... נו... ער... איך מיין דעם סטודענט ווינדער — איך זאג אייך זיינע הענד זענען אזוי ברוין... געכטען ביים אהיים בעגלייטען איז מיר געוועזן אזוי היים... איהר פערשטעהט... ר'איז אזא שלעכטער... ר'האט קיין מאל קיין צייט... איא איהר האט ליעב אמאליא'ן? הא?...

ליעב... ליעב... — שטאמעלט ער שלעפענדיג זיינע צוקלעהמטע פינגער, אוים דער ברוינער אייזערנער קלעם און בייגט זיך מאכטלאז אונטער דעם שווערען שטיין וואס דריקט זיין קארג נידריגער און נידריגער אראב צו דער ערד צו.

— ניין! ניין! איהר הערט! איהר זענט אלע שלעכטע

און מיאוס'ע מענשען — געהט איך וויל אייך נישט קענען!—

צושרייט זי זיך פלוצים פערגעסען מיט צעוועהטיגטען כעס און צעכליפעט זיך הויך און מוראדיג אויף א קול.

---

יא איצט אלזא ווייסט ער שוין אויף געווי וואס דא טהוט זיך — אומבעדינגט מוז ער זיין צימער איבערבייטען — און דארט אין דער פרעמדער ווייט פון א פערוואָרפענער פאָרשטאָדט האט ער אויף איין מינוט פון די פרייע שעה'ן פון ארבייט, נישט פערלאזט די פיער הויכע דיקע ווענד, א גרויסען רחמנות דורכגעמישט מיט שרעק און עקעל האט ער געשפירט צו דער אלטער צעקנייטשטער בעל־הבית'טע זיינער, וואס פלעג איהם שווייגענדיג און מיט טויבער פאָרזיכט פון א קערקער־אויפזעהער אריינברענגען עסען. — אך זיי זענען דאָך אלע אזוי אומגליקליך! — האט ער בעטאפענדיג זיינע גרויסע טרוקענע באקען בעשלאָסען, און דא ערשט האט ער מיט דער גאנצער ניכטערנהייט פון בעוואוסטזיניגער מאכטלאָזיגקייט פערשטאנען, אז מיט די שטיינבערגס וועט ער זיך איצט שוין מעהר נישט בעגעגענען.

— ניין

און וואס ווייטער, זענען אהן זיין ווילען די פערגאנגענע טעג אלץ דערווייטערט, אומקלאָהרער, און פערנעבעלטער געוואָרען, און פלוצים מיט אמאל פונ'ם זכרון פערמעקט געוואָרען, א בריהענדע נייגירדע וואס ליעגט אויף דער צונג און לאזט בשום אופן זיך נישט דערמאנען אן עפעס, האט איהם געבייצט און געפייניגט. און צוזאמען מיט דעם האט זיך זיין ווייסע אומבעפלעקטע נשמה אונטער'ן דרוק פון איינזאמער רעזיגנאציע אלץ מעהר און מעהר גענומען

זיך בויגען, װירבלען, און נאָכגעבען דעם נאָגענדען געדאַנק פֿון פֿערלוירענער קינדהייט. אַהין צו יענעם הויז פֿון געקויפֿטער לוסט און פֿרייד האָט איהם דער דאָזיגער קליומפּען פֿון שרעקענדע פּראָטעסטירענדע געדאַנקען פֿערטראָגען.

— און דאָרט אויף די רויטע פּלוש זאָפֿקעס אונטערן גריל־צענדען געקליר, פֿון „שעפּסעלס" צימבעל־שפּיעלען און אין דעם רויך פֿון זינד און שמוץ — האָט ער זיך אָבגעריהט — די רויטע „יולקאַ" מיט די טיעפֿע שוואַרצע רעדער אַרום איהרע פֿינסטער פֿערזונקענע אויגען, און מיט איהר מיעד־אויסגעמוטשעטען פֿול־שווערען קערפּער האָט זיך אין זיין פֿאַנטאַזיע פֿערוואַנדעלט צו אַ געמאַטערטע הייליגער — און אין דער שטיל האָט ער איהר זיין גאַנץ פֿערמעג פֿון סימפּאַטהיע און געטרייַשאַפֿט געשענקט.

נאָר אויך אָט פֿון דעם פֿערטויבענדען חלום איז ער אַרויסגעריסען געוואָרען דורך ווינדער׳ן מיט וועלכען ר׳האָט זיך פּלוצים דאָ בעגעגענט.

יענער איז ווירקליך אַ קרעפֿטיגער, ווײַכער יונג מיט אַ פֿעסטען קאַרג און קוים אָנזיכטיגע ברעמען.

— אַה דאָס זייט איהר! —

און דער ערשטער שמועס איז געווען פֿון די שטיינבערגס.

— איהר קומט נאָך צו זיי? —

— ניין! — שאָקעלט ער מיט׳ן קאָפּ.

— און מיט אמאַליא׳ן איז אוים?

— אוים... —

— האַ האַ חאַ! — צולאַכט זיך ווינדער שפּעטיש, קרעפֿטיג און מיט זאַפֿטיגען כח טהוט ער אַ הפקרדיגען שלעפּ דוקא יולקאַ׳ן צו זיך אויף די קניע, אַ שלײַדער זי צוריק, און נעהמט דאַן מיט איהר תאוה׳דיג טאַנצען זי בויגענדיג אַהין און אַהער, זינגענדיג צום טאַקט „הוראַ! הוראַ"!

אַ מאָדנע מענש — קלערט ער מיט אינסטינקטיווען דרך-ארץ פון יענעם, און פיהלט זיך עפּעס שולדיג פער־שעהמט, און צעוועהטיגט ווי אַ מענש נאָכדעם אַז מען האָט איהם געפּאַקט ביים קראַגען און אַראָבגעשלײדערט פון אַלע טרעפּ. נאָר דאָך בעשליעסט ער מיט יענעם אַ לאַנגען שמיעס צו פערפיהרען.

— זאָגט נאָר ווי געפעלט אייך די יונגערע שוועסטער נו... איך מיין קלאַראַ ? —

פרעגט ער אָנווייליג תיכף חרטה בעקומענדיג אויפ׳ן גאַנצען עסק.

— אַה ! קלאַראַ ! אָ זי פערטאָגט אַ אויסערגעוועהנ־ליך שעהנעם געלעכטער ! — איהר זיסער דרעה מיט׳ן חנודיגען מויל קען איינעם משוגע מאכען.

— און איהר האט זי ליעב ?

חאַפּט ער שנעל אונטער און אָטהעמט אָב גלייך ער וואָלט אַ טיעפען בריזשען גרוב אַריבערגעשפּרינגען.

— ליעב ? ניין דאָס נישט ! — אמת איך שפּיעל זיך צומאָל מיט איהר, און מיר דאַכט אַז זי איז צו מיר אפילו נישט גלייכגילטיג. — איבריגענס — ציהט יענער מיט אַ איראָנישען שמייכעל — איבריגענס, זענען פערליעבטע מענשען בכלל אָבשטויסענד — איך האָב פיינד די לייט !—

וועהרענד דעם זענען זיי אַראָב אין גאַס, אַ פּריש־אויסגערוהטער שטאָדט־דיענער מיט זיין פיערעקיגען היטעל האָט מיט אַ לאַנגען שטעקען אויסגעלאָשען די וויסע מאַכטלאָזע לאַמטערען־פלעמלעך, און איינער מיט לאַנגע גרויע באַקען־בערד האָט געטראָגען אַ קויש מיט הייסע פּאַרענדיגע פלעצלעך.

— גוט מאָרגען ! —

זיי קוקען זיך אום — אַה דער יוד מיט׳ן טויטען־וואָגען איז פאָרביי געפאָהרען, די יונגע צאַרטע זונען־שטראַהלען האָבען זיך פון וויטען געשפּיגעלט אין זיין

גלאַנציגען צילינדער-הוט און דער שוואַרצער דעקטוך מיט די ווייסע פֿראַנזען האָט זיך בעוואויגען אין דער העל-בלויער פֿרישער לופֿט אָנגעזאַפּט מיט מיער שלעפֿעריגען פֿויגעל-געטשוויטשער.

— חאַ חאַ חאַ! וואָס ציטערט איהר אַזוי? —

לאַכט ווינדער — סוף כל סוף זענען ביי איהם גאַנץ אינטערעסאַנטע מיידלעך פֿאַרהאַן. — איהר פֿערשטעהט!

ער פֿיהלט נישט דעם קאָפּ אויף זיך. זיינע שמערצליך בריהענדע אויגען זענען אָנגעשטרענגט אויף ווינדערס ברייט אַרויסשטאַרענדער ברוסט, און אויף די גרויסע שוואַרצע קנעפּ וואָס גלאַנצען שטאָלץ אויף זיין ווילד-ברוינעם הערבסט מאַנטעל.

— אַך וואָס פֿאַר אַ שעהנע גרויסע קנעפּ ס'איז ביי אייך! — דאָס זענען הילצערנע האַ? — ענטציקט ער זיך.

— ניין, דאַכט זיך ביינערנע — נו סערוואָס! —

געזעגענט זיך באַלד ווינדער און געהט שנעל אָב.

ער בלייבט שטעהן און הערט זיך איין צום קלאַפּ פֿונ'ם אָבגעהענדענם הויכע טריט וואָס שלאָגען זיך אָב אין דער ליידיגער גאַס ווי דאָס פּויקען אויף אַ פֿערמאַכט פֿעסעל, און יעדער פֿון אָט די הויכע טרוקענע קלאַנגען רייסט זיך איהם אַריין אין מח און אין האַרץ, פֿערקניפּט גאָך פֿעסטער דאָרט דעם וועה-טועגדען פּליאָנטער וואָס האָט זיך איצט פּלוצים ווידער צודרעהט און צעוואָרפֿען, און דריקט נאָך טיעפֿער און טיעפֿער דעם שווערען שטיין אויף זיין קאַרג, אַראָב, אַראָב צו דער ערד צו.

אַ רייף פֿריהמאָרגען ווינדטעל וואָס טרייבט אַלע פֿרעהליך-ערוואַכטע וואָס שטרעמען היילענדיג אויף די טראָטואַרען צו לוסט און לעבען, טהוט אַ בלאָז און רייסט אָב אַ טרוקען געל בלעטעל פֿון אַ גאַסען ביימעל. דאָס הוידעט זיך אַ ווייլע אַרויף און אַראָב, פֿאַלט דאַן אויף זיין הוט

און בלייבט אונבעמערקט פון איהם דארט ליעגען.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

און זייט יענעם פריהמארגען האט מען איהם מעהר נישט געזעהען. — ער איז פערשוואונדען, און קיין מענש אין דער וועלט האט געוואוסט וואוהין.

# בריװע

# ברידער.

דער יונגער אַדוואָקאַט אײַזיק גרינבוים, שפּרינגט אונגעדולדיג אַראָב פון געלעגער, שטעלט זיך ביים פענסטער, און אָנשפּאַרענדיג דעם רויטען צעשויבערטען קאָפּ אויף זײַנע פעסטע בעוואַקסענע הענד, קוקט ער מיריש אַריבער צום קלײנעם פרעהליכען שטיבעל מיט די העלגרין בעמאָהלענע טיהר און פענסטער, וואָס האָט זיך ווי אַ קלוגער קאַרליק אַרײַנגעחאַפּט צווישען אַ רײַהע הויכע שטאָלצע הײַזער.

פון די שמאָהלער בײַט אונטערן ווײַסען פּאַרקען וואָס נעהמט אַרום דאָס דאָזיגע שטיבעל צום פראָנט צו, שטאַרען אַרויס הויכע גרינע שטאַנגען מיט ברײַט אַראָבגעהאָנגענע בלעטער פון גרויסע פערטראַכטע זון־בלומען, וואָס דרעהען נאָך זײַערע גאָלד־געלבע בלוטהען־קרוינען נאָך דער שפּאַצירענדער יונג־פײַכטער מאָרגען־זון.

דאַן צושפּרײַט גרינבוים די הענד געבײַלט אין פויסטען, ראָסטעט זיך, געהנעצט פויל, וואַרפט זיך דאַן נאָכלעסיג צוריק אויפ'ן בעט, און פערדרויכערט אַ פּאַפּיראָס. דער רויך רײַסט זיך מיט אימפּעט אַלע ווײַלע אַרײַן און פיער־קאַנטינען זאל זונען־שטויב וואָס ציהט זיך פון פענ־

סטער, דרעהט זיך דארט, און שימערט מיט א פּיאָלעט־בלוילּיכען רעגען־בויגען קאָליער.

אָהן בעוועגונג בלייבט גרינבוים אזוי ליגען א שעה צוויי דריי, ביז דער ליכטיגער פּאס קומט נעהנטער, ציהט זיך דורך דער גאַנצער לענג פֿון שלאָף־צימער — דאָס דאָזיגע שלאָפֿצימער'ל וואָס האָט אין זיך שוין איינגעזאפּט אזוי פֿיעל לצנישע בעמערקונגען, שמייכלען און בליקען פֿון זיינע לוסטיגע פֿריינד און בעקאנטע, — און שפּיעלט אויף זיין לינקער באנק מיט דעם טיעפֿען חלל פֿון א פֿערזונקען אויג.

דער גלאנץ פֿון די מעשענע בעט־גירלאנדען, פֿון דער רויט־אטלעסענער בעט־דעקע, און דאָס געזאנג פֿון געלען קאנאריק און ווייסען דראָטהערנעם שטייגעל, גיסען זיך צוזאמען, מישען זיך דורך, און ס'דאכט זיך אז די פֿאנטאסטיש־טאנצענדע ציגיינער־טרופּע אויף די פֿערשיעדען־פֿארביגע וואנד־דיוואנען, טאנצען זינגען און שפּיעלען צום טאקט.

גרינבוים פֿיהלט זיך אין דער דאָזיגער לוסטיגער פֿריה־מאָרגען שטימונג, אויפֿגעלעבט און פֿרעהליך. ער פֿייפֿט אוים א חוצפּהדיג נגונ'דל, און פֿיהרט פֿערגעניגט מיט דער האנד איבער זיינע שווערע נאָכהענגענדע אטלעטען־ברוסטען וואָס דערמאנען אָן דעם גרויסען לעדערנעם שפּיעל־באל.

נאָר פּלוצים נעהמט זיך זיין שווערער קערפּער דרעהען און בעוועגען אויף'ן קרעכצענדיגען בעטעל. באלד טהוט ער זיך קאָנסעקווענט א הויב אין דער הויך, שטרעקט אוים די האנד צום טיש, נעהמט פֿון דאָרט אן אויפֿגעריסענעם בריעף, לויפֿט איהם אונוויליג דורך מיט די אויגען, קענטיג שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, דען נאָך נישט געענדיגט שליידערט ער איהם מיט פֿערניכטענדען כעס צו דער בריק.

— צום טייפֿעל! — ברומט ער, און בעמיהט זיך נישט צו קוקען אין יענער זייט, נאָר דאָך איז ער נישט

אימשטאנד אָבצוּרײסען דעם בליק פֿוּנ'ם בלויען קאָװערט, און דערבײ בעהערשט איהם יענער אונהײמליכע צוציהענדע געפֿיהל, װאָס קומט פֿון קוקען בײ נאכט אין דער פֿינסטער אין א שפּיעגעל.

דער דאָזיגער פֿאַטאַלער בריעף, איז הײנט געקומען פֿון זײן ברודער לעאָן אין װעלכען יענער איז איהם מודיע מיט קורץ אָבגעהאַקטע פֿראַזען, אַז די טעג קומט ער צו איהם צופֿאָהרען: „איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדען איזיק, הערסט!"... — שרײבט ער איהם דאָרט.

אָ! ער װײסט שוין פֿון װאָס זײן ברודער װעט מיט איהם רעדען! — ער װײסט! ער װײסט!

די נערװעזע האַנדשריפֿט און די איראָניש־דראָהענדע דרײ פּינטעלעך בײ יענעם זאַץ, ערצעהלען איהם שוין גאַנץ גענוי װאָס „דאָרט" טהוט זיך. און אָט טאַקע זײ פֿיהרען איצט אַזוי פֿערעקשנט צוריק גרינבוים'ס געדאַנקען צו יענעך מינוט, אין װעלכער ער ערגריפֿען פֿון אַ פֿערגעסען־צימריגער תאוה, האָט מיט װילדען נײד צוטרעטען און פֿערניכטעט די שעהנסטע און הײליגסטע בלום פֿון זײן ברודער'ס גליקליך־פֿערחלומטען האַרץ־גאָרטען.

און צי איז ער שולדיג װאָס די כחות פֿון זײן ברודערס געליעבטע (און איצטיגע פֿרוי) װעלכע איז דעמולט בײ איהם צו גאַסט געװען, זענען ניש טאימשטאַנד געװען אָבצוּװעהרען זײן הײס־צעגליהטע מענערקראַפֿט װאָס האָט אויך זי פֿערװיקעלט אין מאַכטלאָזע פֿלאַמען?

נײן! עס האָט געמוזט געשעהן!

מיט זיסען ענטציקען װאָס לויפֿט איהם װי שרויט דורך אַלע גליעדער, זוכט ער זיך צו דערמאָנען אין אלע אײנצעלהײטען פֿון יענע טעג, װען זײן שװעגעריןן די הויכע פֿולע עטקאַ מיט די גלאַנציג־יאָדריגע באַקען און ברענענדע קרומע אויגען, װאָס צומישען די געדאַנקען, פֿלעג זיך צו מאָרגענס בעװײזען אַ פֿלינקע א עלאסטיש־בויגיגע

אין איהר דינער רויטער בלוזקע וואס איז געווען ווי צוגעקלעבט צו איהרע דיקע הענד און ברוסטען פון וואנען ס'האט זיך געגאסען א שמעקענדיגע ווארימקייט איבער דער גאנצער שטוב וואס פלעג רייצען און אויפזידען זיין בלוט.

פוי... ווי הייס ס'איז איהם. —

און איינמאל בשעת ער האט דערשפירט אז דער ראזעווע פלעק אויף איהר ווייכען ברוינעם קארק, מאכט טונקעל דאס ווייסעל פון זיין איינציג גרוי אויג, האט ער זי ווילד א פאק געטהון אין ווינקעל צווישען ביידע העל־לאקירטע שאפעס, און טהיריש איינגעגראבען די בלאסע ציטריגע ליפען אין איהר בויכיגען האלז. — — —

— איי־זיק!! איי־זיק!! —

האט זי דערמולט א צעשויבערטע, א צעפלאמטע רעזעגניערט געשיפעט, געריסען און געווארפען זיך אין זיינע אייזערנע ארעמס, — און דאס גיפסענע פערחלומטע ליעבעס־פאר אין דער היטלישער אומארמונג וואס אין עק אויף דער שאפע, האט זיך פאר שרעק אדער פראטעסט אראבגעווארפען און אויף זאמדיגען שטויב זיך צעשיט...

דאן האט זיך אין צימער געטראגען אן אויפרייצענדער ריח פון געברענטען קאפע. — אזוי דאכט זיך איהם.

און אט די דאזיגע פייער־תאוה'דיגע זכרונות פון יענע מינוטען וואס הילען ארום זיין קערפער מיט צעגליהטער פארע, מאכען קורץ זיין אטהעם, און לאזען איהם איבער אין מויל א וואסערדיג־דינעם זיסען טעם. גלייך ער וואלט פערצעהרט א סך יונגע ניס, ווערען פלוצים אין א נעבעל צעריבען בשעת דאס בעוואוסטזיין, וואס יאגט הינ'ט בריעף אין דער פארם פון א נאכער קעלט אויף זיין פנים וואקסט אלץ גרעסער און גרעסער, אז אט באלד וועט ער שטעהען אויג אין אויג פאר זיין ברודער מיט די גוטע אידישע פני־ליניען און ענער א בערויבטער און בעליידיגטער. וועט מיט דער גאנצער גייסטיג־צאפלדיגער קראפט וואס נעהרט זיך פון הייליגער

ליעבע און גלויבען פראָטעסטיערען און פֿאָדערן אַ ערקלעהרונג אויף זײַן געבראָכענעם גליק און פֿערשוועכונג פֿון זײַן הײליגסט הײליגטום.

הם! דער שקאַנדאל וועט זײַן אַ גרויסער, און זײַן אונטערגאַנג איז נאָהנט. — גאַנץ בעשטימט!

בײַ דעם דאָזיגען געדאַנק נעהמט דעם לעבענס־לוסטיגען גרינבוים'ן זשימען הויך אין די אויערן — יענער זשום וואָס הערט זיך פֿון א צעגלידטען שמײַן בשעת מען גיסט אויף איהם קאַלט וואסער.

— אַך די פֿערליבטע מיט זײערע הײליגע ליעבעס! שפּהי!! — טהוט ער אַ שפּײַ.

---

עטליכע טעג זענען אַזוי פֿאַריבער אין שרעקליכער ערוואַרטונג נאָך עפּעס אונגעהויער גרויסעס און שווערעס.

אַהײם קומענדיג פֿון אַמט צו מיטאָג פֿלעגט גרינבוים אַפּאָר מינוט פֿריהער שטעהען בלײבען אונטער דער הויז־טהיר, און די מורא וואָס האָט זיך אַ גאַנצע טאָג אָנגעזאַמעלט אין אַלע זײַנע אברים. האָט זיך איצט צעגאָסען און דערהיצט גאָר די ריקען־ביינער.

דאָס ערגסטע אָבער פֿאַר איהם זענען געוועזן די נאַריש־צודרינגליכע פֿראגען פֿון זײַן קלײנער בלאָנדער פֿרוי. זי האָט בעמערקט איהר מאַנ'ס אומרוהיגקײט. און האָט איהם פֿערשידענע עצות געגעבען, ווי אַזוי צו פֿערשטאַרקען דעם אַפּעטיט, דעם שלאָף א. ז. וו. וואָס דאָס איהם נאָך מעהר פֿערציטערט און פֿערגרעסערט זײַן צאַפּעלדיגע מורא. — אך ווי נאַריש זײ זענען אַ"ע!

און אַז ר'האָט אײנמאָל געעפֿענט די טהיר פֿון עס־צימער, און דערזעהען בײם טיש זײַן ברודער לעאָן מיט דער ברײטער ברוסט און מיט א פֿינסטער מיערען בליק אין

די אויגען, האָבען זיך אונוויליג זיינע צוויי שורות ווייסע דיקע ציין אַ צעשפּרייט געטהון, און אַ האָסטיגען שטויס זיך צוזאַמען.

— זעה נאָר אײַזיק! אַ גאַסט מיר האָבען! לעאָן איז געקומען! —

רופֿט איהם זײַן פֿרוי פֿריידיג אַקעגען, און לויפֿט מיט איהרע דריבנע פֿיסלעך ציעל־לאָז פֿון איין צימער אין צווייטען און דאַן אין קיך.

— הם טיקע אַ גאַסט! —

האָט גרינבוים שטיל אונטער דער נאָז אַרויסגעברומט און זיך שנעל אַ לאָז געטהון צים פֿענסטער קודם כל אַראָבצולאָזען די ראָלעטען.

— הײַס צום ערשטיקען! —

בורטשעט ער ווייטער, און באַרעט זיך אָנשטרענגענד מיט ביידע הענד בײַם פֿענסטער.

לעאָן איז די גאַנצע צײַט געזעסען און מיט שטיי־גענדען פּחד זיך אײַנגעקוקט אין זײַן ברודערס פֿינסטער אויגען־לאָך און ס'האָט זיך איהם געדאַכט אַז די געלע הײַטלעך דאָרט אַרום ציעהען זיך צוזאַמען אין אַ שנײַדענד־שאַרפֿען שמייכעל, וואָס שיקט אין זײַן האַרץ אַ מין מאָרנע שרעק און אַ ציפּענד־עקעלדיגע וועהטוג, גלייך מען וואָלט איהם פּלוצים אַראָבגעריסען אַ באַנדאַזש פֿון אַ נאָך נישט פֿערהיילטער וואונד. באַלד אָבער האָט ער זיך אַ הויב געטהון פֿון בענקעל און מיט נערוועזער פֿעראַכטונג גענומען ציפּען די הויכע וואָליגע האָהר פֿון זײַן גרויען ראָק.

די דאָזיגע שטומקייט אָנגעזאַפּט מיט בײַסענדען רויך איז תיכּף צעריסען געוואָרען פֿון פֿרוי גרינבוים וועלכע איז די מינוט אָנגעלאָפֿען פֿון קיך.

— זעה אַ צאַפּלען זיך! גלײַך מ'וואָלט זיך שוין פֿויזענד יאָהר נישט געזעהן! ני ברידערלעך צעקושט זיך און זעצט זיך עסען! —

האָט זי בעפֿעהל'עריש אַ זאָג געטהון, אַביסעל פֿער־חודיש'ט פֿון איהר מאַנ'ס ציטערן, און יענעמס פּלוצים'דיגע בלאַסקייט.

ביידע ברידער האָבען זיך דערשפּירט אויסגעטהון נאַקעט, און אינסטינקטיוו האָבען זיי געזוכט אין עפּעס צו דערמאַנען זיך, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אימשטאַנד זיין צו פֿערטרייבען די טויזענדער נייגעריג שטעכענדיגע בליקען וואָס שטויסען צוריק דעם אָטהעם אין זייערע ברוסטען. מיט בליציגער שנעלקייט זענען געפֿלויגען צעמישטע געדאַנקען זכרונות, טעג און יאָהרען.

און אָט האָט פּלוצים פֿאַר זייערע אויגען זיך גענומען מישען דיקע בלעטער פֿון יענעם פֿערשטויבטען פֿול־סודות'דיגען פֿאַמיליען־אַלבום מיט די געל־אָבגעריבענע בילדער פֿון דעם וואונדערליכען יינגעל און מיידעל אין דער אַלט־מאָדישער קליידונג, וואָס פֿלעגען דאָרט אין דער „היים" אין שטילע פֿרידליכע אָוענדען אויספֿילען די הערצער מיט אַ זיס־בענקענדען טרויער נאָך פֿערשווינדענע יוגענד'ס און ווײַטע בלאַסע זכרונות פֿון גליק און ליעבע...

און ביידע ברידער, אַפּיער־רײַסענדיג זיך פֿון אַ ברענענדער באלד איינשטירצענדער חורבה האָבען זיך שוצ־זוכענד אַרומגענומען און האַסטיג צעקושט.

דאַן האָבען זיך זייערע בליקען געטראָפֿען און זיך צוריקגעשטויסען. —

און ביידע זענען שנעל אַרײַנגעשפּרונגען אין גלאַנציג־בלויען טײַך אַרײַן, האָבען אָנגעשטרענגט אַלע כחות צו שווימען א ווײַט שטיק אונטערן וואסער, כדי אַרויסצוקומען העט העט ווײַט פֿונ'ם ברעג...

אָבציהענדיג שווער די אָטהעמס, האָבען זיך די ברידער געזעצט צום טיש.

איז שוין דער שרעקליכער מאָמענט פֿאָריבער?

האט גרינבוים ציטערנדיג געקלעהרט, און הויך אויף א קול גענומען לעזען די אויסגעפרעגטע פאבריקס־מארקע וואס אויפ'ן לענגליכען ברויט־שטריץ.

וואס טהוט עפעס עטקא? צופריעדען פון דער חתונה? חא חא חא! די מיידלעך מיט די חתנות! —

ווענדעט זיך פרוי גרינבוים מיט א קאטעטיש־חצפה'דיג געלעכטעריל צו איהר שוואגער.

— אך, איך בין אזוי מיעד פון דער רייזע! —

ענפערט יענער קוים הערבאר, און אונטער דער ציינג ווערען איהם צעדריקט יענע משונה מאטערדיגע קולות וואס רייסען זיך אין חלום בשעת מען לויפט בארג ארויף, און די ווילדע „קאץ" איז אט, אט, אונטער די פלייצעס.

— איך וואלט דיך געראטען נאכ'ן עסען זיך צו־לעגען אביסעל שלאפען — ועסט גאר א אנדערער מענש ווערען. —

מישט זיך ארײַן אײַזיק, און ס'גליסט זיך איהם זעהר דעם ברודער פאר עפעס אויסמוסרן.

— א שאד, א שאד, — ברומט ער פאר זיך.

— וואס א שאד? — פרעגט יענער צוטאמעלט.

— הם... כ'מיין... כ'מיין — פאר וואס האסט זיך גע־לאזט אזוי נידריג אבשעהרען... א שאד אזעלכע שעהנע גע־געקרויזטע האהר — הם...

— נו! שוין ווידער טהעע! אלע טאג גאר טהעע און טהעע! נישט פטר צו ווערען! —

פיהרט ער מיט צוויי פינגער איבער זיינע דיקע רויטע וואנסען, און רוקט ביז אוועק דאס גלאז טהעע פון זיך.

— איך טרינק נישט! —

— ווייסט איהר וואס! אפשר וועט איהר גאר טרינקען ביער? לעאן הא וואס זאגסטו? —

האט פרוי גרינבוים אויפגעהויבען א פאר פעטע פער־

פֿאַרעטע אױגעלעך און נישט װאַרטענדיג אױף תּשובֿה אַװעק פֿונ׳ם טיש.

לעאָן שװײַגט, און פֿיהלט אַז זײַן ברודערס רוהיגקײט שנײַדט איהם װי אַ מעסער זײַן הױט. און פּלוצים יענער פֿינסטערער פֿריהמאָרגען מיט די גהנום׳דיגע פֿינקען װאָס האָבען פֿון אומעטום אַקעגען געטאַנצט, זײַן פֿערװײַנטע פֿרױ מיט דעם הױשך־שולדיגען בליק, דאָס צעריסענקײט פֿון גליק און ליעבע און אַלץ װאָס ערשט נעכטען גאַנץ געװען, — אָט דער ברענענדער קריװמפּען האָט איצט מיט דאָפּעלט־פֿערניכטענדער קראַפֿט אױפֿגעפֿלאַמט געדרעהט און געשפּאַרט זיך אין זײַן ברוסט, און אַרױס געריסען פֿון האַלז אַ הײזעריג חריפֿנעם געשרײ׳ ענהליך צום סקריפּ פֿון אַ שװערען מיט ציעגעל בעלאָדענעם װאָגען.

— אײַ־זיק !! —

זײַנע אױגען בעקומען די דומפּפּע ברױנע פֿאַרב פֿון אַן אַלטער קופּערנער מטבע, די פֿױסטען זענען װי שטיקער אײַזען פֿון זיך אַלײן צוזאַמען־געבײַלט, און זײַן בליק איז מיט שטימפּיגער װילדקײט אײַנגעקלעבט אין דער שװאַרצער ציגאַרען־טאַש װאָס אין ברודערס האַנד.

— אײַ־זיק !! —

— נו װאָס ? װאָס װילסטו ! האַ ? — האָט אײַזיק דראָהענד װילד אין אַ אָנפֿאַלענדער פּאָזע זיך אַ ריס געטוהן.

פֿון דער דאָזיגער תּשובֿה האָט בײַ לעאָנען זיך גענומען עפּעס ברעכען און אײַנפֿאַלען — און טשעפּענדיג זיך מיט ציטריגע הענד און פֿיס אָן די שװאַרצע גליטשיגע װענד, איז ער אַרױסגעקלעטערט פֿון דעם נאַסען פֿינסטערן גרוב און מיט אַ רחמנות׳דיגער לײַכטקײט אין האַרצען, װי ער װאָלט פֿון זיך אַרױסגעװאָרפֿען שװערע אומפֿערדװיליכע שטיקער, איז ער געבליבען ליעגען אין הױכען גרין־שמעקענדיגען הײ... פֿון זײַן פּנים שטראַהלט יענע ערקװיקענדע יונגע ליכטיקײט װאָס צעניעסט זיך אין בליהענדען פֿעלד

נאָך אַ ווײַטענדען שטורם און רעגען. ער האָט צוגעטרוושעט די אויגען און פון די צעדריקטע טרעהרען האָבען זיך גע־גומען ווערבען און ציהען נאַסע גאָלדענע פעדעם צו זיין ברודער פערוויקלענדיג אידם אין אַ פעסטער שטאָלערנער נעץ... און מיט אַן אָבגעמוטשעט גליקליך־דאנקבארען שמייכעל ווי ביי א פערוויינט קראנק קינד אז ס בעקומט דאָס געווינשטע שפיעלעכעל, האָט ער שטיל און מיט גרוים געבעט ארויסגעשעפטשעט:

גאָר ניִשט... גאָר ניִשט... הע... כ'האָב דיך נאָר גע־וואָלט... הע... כ'האָב דיך נאָר געוואָלט בעטען אַ פּאַפּיעראָס... אַ פּאַפּיעראָס..

# דער גאסט.

# דער גאסט.

האָרט בײַם ברעג פֿונ׳ם פֿעלטעװר־קאנאל װאָס שװענקט אָפּ אויף זײַן געדרעהטען אונטערערדישען װעג דעם גאנצען שטאָדטישען שמוץ און צעגיסט זיך דאָ בײַ דער פֿערדעכטיגער פֿאָרשטאָדט קלעפּאראָװ מיט א הויכען פֿערפּעסטעטען געריש, שטעהען װי אויסגעשפּיענען די דרײַ נידריגע גלײַך־גע־פֿאָרעכטע געסלעך װאָס מיט זײערע משפּע־ארויסשטארענדע בוידעם־שטיבלעך אויבען, און צעבראָכענע רויט־געפֿארבטע לאָדען הינטען, דערמאנען זײ אָן די אויף דער ערד זיצענ־דע אבשרעקענדע בעטלער־רײַהען דאָרט אויפ׳ן שטעדטעל־דיגען מארקט־פּלאַץ.

אין אײנעם פֿון די דאָזיגע ענגע געסלעך הינטען בײַ דער סאמע בלאָטע פֿון טראָטואר, איז אויף יענער זײַט פֿון א שװארץ־געלאַטעטער שטוב, מיט װײַס פֿערטרוקענטע שטויב־פֿלעקען, צוגעקלעבט א װײַסער פֿון פּאפּיער אויסגע־שניטענער שיך, װאָס דיענט פֿאר א „שילד“, דאָרט אינ־װײניג װאוינט דער שוסטער ליב העלמאן מיט זײַן װײַב שרה. קײן קינדער האָבען זײ נישט.

און אָט מיט דעם שוסטער און זײַן װײַב האָט זיך געטראָפֿען די דאָזיגע טרויריגע געשיכטע.

זייער וואוינונג אַלזאָ בעשטעהט פֿון אַ דריי־קאַנטיג האַלב־פֿינסטער קעלער־שטובעל אין וועלכען ס'טראָגט זיך תמיד אַ דומפּף־קיהלער שימעל־ריח וואָס טרייבט אַרויס די טרעהרען פֿון די אויגען. אויף איינער פֿון די שוואַרץ־געפּאַקטע ווענד העַנגט אַן אַלטער פֿערמעקטער „קייזער" אין אַ פאַרב אָזער אָבגעשלאָגענער ראַהם. און אויבען אונטער דער געשפּאָלטענער שויב האָט זיך אַרום זיין הויבגעוועלבטען שטערען פֿערוויקעלט ווי אַ קרוין אַ געדעכטע שטויביגע שפּינוועב־מאַסע. אויפ'ן אַלט־אָהריגען ברודיגען קאַלענדער טאָוועל וואָס אויף דער צווייטער וואַנד קוקען נאָר אַרויס די גרויסע רונדע שוואַרצאַפּלען פֿון דער פֿערהושכטער לאַנג אָבגעריבענער „שעהנהייט", און אין מיט פֿון פֿערוויכערטען סופּיט אויף אַ לאַנגען דראָט הוידעט זיך לייכט אַ אָבגעקאַלכטער פּעטער לאָמפּ מיט אַ ברייטען צעבויגענעם שירם וואָס דערמאַנט אָן אַ פֿ נטאַסטיש צעקנייטשטען אַרטיס־טען־הוט.

דורכ'ן איינציגען טונקעלען פֿענסטערל הויך אונטער דער סטעליע קוקט אַריין אַ שטיקעל טראָטואַר מיט צו־טרעטענע נאַסע שטיקלעך ציעגעל וואָס שטעקען אין דער גלאַנציגער בלאָטע און פֿערשפּרייטען אין שטיבעל אַ געפּרעסטע נודנע אומעטיגקייט, און אַ גרויסען חשק אַריבער צוציעהען די דעקע איבערן קאָפּ און יש אָפּען שלאָפֿען.

אין ווינקעל אונטער דעם דאָזיגען פֿענסטערל זיצט דער שוסטער אויף אַ ראַנד דרייפֿיסיג בענקאַלע ביי אַ קליין וואַרשטאַט־טישעל אויף וועלכען ס'איז אָנגעוואָרפֿען שטיקלעך גלאָז, לעדער, צוועקלעך, אָהלען, און שוואַרצע שטיקלעך סמאָלע, מיט אַ טרוקען־געהאַקטען לעדערנעם ריעמען איבער דער קניע און איבער אַ ווייסען פֿערדאַרטען שקראַב מיט דער זויל אַרויף, און קלאַפּט פֿ ינק מיט'ן העמערל אַ פֿלעקעל נאָך אַ פֿלעקעל צופֿייפֿענדיג זיך דערביי צום טאַקט.

זײַן װײַב די שוסטערן זיצט אין דער זײט נעבען דער הרובקע צװישען אַ פּאַק אָנגעװאָרפענע פערשידען־פאַרביגע פּאַ־פּיער־בױגענס. פאַר איהר אױף דער בלאָטיגער אױסגע־קרימטער פּאָדלאָגע שטעהט אַ גרױסע ערדענע שיסעל מיט געדעכטען װײַסען פּאַפּ, און שנעל אײנס נאָך ס׳אַנדערע קלעבט זי צוזאַמען פּאַפּיער־זעקלעך און לעגט זײ אײנס אױפ׳ן אַנדערע אין הױכע הױפענס. דאָס איז איהר מלאכה זי העלפט צו אין דער פּרנסה.

ער דער שוסטער איז אַ איבערגעװאַקסענער מיט קורצע שװאַרצע צױשטאָכענע פינגער, אַ פערזשאַװערט מיעד פּנים, אַ שװײַגענדיגער און אַביסעל טױבליך. זי די שוסטערן איז אַ מאָגער נידריג װײַבעל, אָנגעבלאָזענע קישעלעך אונ־טער די אױגען, שיטערע שטױבפאַרביגע האָהר, אַ שטילע און אַ איבערגעשראָקענע.

לעבען לעבט זיך דאָס דאָזיגע פּאָרעל שטיל און רוהיג גאָר נישט װי אין זײער שטאַנד; זעלטען, זעלטען אַז זײ קריגען זיך, און דאַן איז דאָס מחלוקת קורץ און פאָרבײַ־שװעבענד, און תמיד איז די סבה װאָס ער, דער שוסטער האָט אַ געבענשטען אַפּעטיט, און זי, די שוסטערן איז גאָר אַ קאַרגע און קױפט נור אַ האַלבען הערינג צו נאַכטמאָל. װערד ער בײז, די קורצע דיקע האָהר פון זײַן גרױ־שװאַרצ־ליך בערדעל שטעלען זיך אױף שאַרף און שפּיציג װי די נאָדלען. ער חאַפּט דעם הערינג װאַרפט איהם צו דער ערד, צעטרעט איהם מיט די פיס, און שװײַגענדיג נעמט ער מיט אַלע כחות שפּײַען אױפ׳ן לענגליכען שאַרפשטײן און מיט הױכען גרילצען שלײַפען דאָס מעסער.

דער גלאַנץ פון׳ם בלאַנקענדיגען שטאָהל מאַכט איהם דורשטיג, און האָבענדיג שױן פערגעסען אין דער פריהער־דיגער כעס, בעט ער זײַן װײַבעל איהם אַרײַנצוברענגען פון נאָהנטען שענק אַ גלאָז ביער. זי טהוט זײַן פערלאַנג, נאָכדעם בײגט זי זיך צו צו איהם, לעגט איהם אַרױף די

האנד אויפ'ן אקסעל און שעפטשעט איהם עפעס שטיל מיט א אויסגעלאסען שמייכעלע גלייך אין פנים. ער לעזט איהר גראב פון די ליפען וואס זי מיינט, לעגט ארויס דעם האמער פון האנד, טרעסעלט זיך אב פון די פלעקליך און שטיקלעך לעדער. ציהט זי דאן צו צו זיך אויף די קניע, און פערקוועטשענדיג זיינע שמאהלע קאצישע אייגלעך ווי צום געהניצען, טהוט ער איהר א „צמאק" אין מאמע שפיץ פון איהר דיק נעזיל. די אויגען ווערען בשעת מעשה גרעסער, העלער, און בעקומען דעם לייכטען גלאנץ פון א גע־פוצטען שוך.

אזוי און עהנליך האט זיך געצויגען דאס גרוי־פרי־מיטיווע שוסטערישע לעבען, און די געמיינזאם-געטראגענע נויט-לאסט האט אויסגעשפינט אין ענגען קעלער־שטיבעל א היימליכע ווארימע צופריעדענהייט פון נישט וויסען און דארפען, ביז... ביז ס'איז געקומען דער גאסט. דאס איז גע־ווען איינמאל אין א אווענד. בשעת די שוסטערן איז אין דער היים נישט געווען, און ער דער שוסטער איז געשטאנען ביים לאמפ, פערוויקעלט זיין דיקען פינגער מיט אן עק פון זיין בלויער ארבייטס־שירץ און האט געפוצט דאס שווארץ־פערראוכערטע לאמפען־גלעזעל בענעצענדיג עס מיט זיין הויך, האט ער פלוצים דערהערט אונטער דער טהיר עפיס א פרעמד שארכען און טאפען, באלד האט זיך די טהיר געעפענט און ס'איז אריינגעקומען א הויך פול ווייבעל פערוויקעלט אין א רויט־געשטרייפטער שאל מיט פודלעס און פעקלעך אין די הענד און אונטער די ארעם.

— וואוינט דא נישט ליב העלמאן א שוסטער? —

— יא! —

— ווי איז ערגיץ אייער ווייב שרה? —

— זי קומט באלד — ענטפערט קורץ דער שוסטער און קוקט זיך נישט אום.

— איך בין פון היטקעוו — רעדט ווייטער דאס

ווייבעל, סאַפּעט שווער, זוכט עפּיס פֿערדעכטיג מיט די בריקען און נישט בעקומענדיג קיין ענפֿער, בעשליעסט זי צו שווייגען.

באַלד איז אָנגעקומען די שוסטערן. די ווייבלעך האָבען זיך צעקושט.

— האַ עטעל! אַ גאַסט! — וואָס טהוסטו עפּעס היע? וואָס הערט זיך עפּעס אין דער היים אין היטקעוו? —

— געלויבט איז גאָט אַלע געזונד — איך פֿאָהר קיין אמעריקא צו מיין בערלען.

— צו בערלען? דאכט זיך ער האָט דיר געשיקט א גט! —

— יאָ, זעהסטו — נור איצט שרייבט ער, איך זאָל אַרויפֿקומען. — וואָס וועט ער זיך אליין ארום־דרעהען דאָרטען.

און די ווייבער צורעדען זיך פֿון אמעריקא. פֿון זייער שטעדטעל, ווער ס'האָט דאָרט חתונה געהאַט, און ווער ס'איז געשטאָרבען...

עטעל האָט דערווייל פֿון זיך אראָבגעוואָרפֿען די שאַל, א טאַפּ געטהון די גלאַנציג־שווארצע האָהר אויפ'ן קאָפּ אויסגעגלייכט די פֿאַלדען פֿונ'ם בלויען טוך־קלייד, און ערשט איצט האָט דעך שוסטער אויפֿגעהויבען די אויגען און האָט בעטראַכט דעם גאַסט. זיין בליק האָט זיך א נייגעריגער געטראָפֿען מיט איהרען, א בישטשעגדיגען און קאָקעטישען, דאן זיך א ווארימער געגליטשט איבער איהרע דיקע הענד, איבער איהר הויכען בוזעם, און האָט זיך אָבגעשטעלט אויף איהרע ברייטע צעפֿאָהרענע שיך — גלייך ער וואָלט געמוסטען א מאָס. ביידע אוירען צעפֿלאמען זיך איהם העל־רויט. ער דרעהט מיט די אייגלעך, שעפּטשעט שמייכעלדיג פֿאַר זיך א נבול־פּה'דיג שוסטעריש וואָרט, און לעגט אוועק פֿריהער ווי תמיד די ארבייט. דאן הויבט ער זיך, פּלוצים אויף, און פּרובט זיך נישט נאָך זיין געוואוהנהייט

רייבען און וואשען דאס פנים און די הענד מיט א גרויס שטיק געלען זייף.

דער גאסט איז שוין דא געבליבען נעכטיגען אויף דער אבגעשיילטער הוידענדיגער זאפע. די שוסטערן איז געשלאפען ווי תמיד אויף דעם קרומען צעפאהרענעם בעט איבערגעדעקט מיט א שמוציג רויטען קאץ. און ער דער מאן האט זיך נעבאך צוגעשפארט ווי ס׳איז. — אויס׳ן שלאף האט ער יעמערליך געוויינט דער שוסטער, און מיט נאקעטע עלענבויגען, צארנדיג געשטויסען די וואנד. און אז דאס ווייב האט איהם טארענדיג אויפגעוועקט האט ער זי ווילד און פרעמד אנגעקוקט און אריבערגעשיקט זיינע הונגעריגע בליקען אהין צו דער זאפע צו.

---

עטעל האט נאך געמוזט בלייבען אפאר טאג ביי די שוסטערס. זי האט בעדארפט ארויסנעהמען ביי דער שיף־אגענטור די נויטיגע רייזע-אינסטרוקציעס און אזוי ווי זי איז געווען פרעמד אין דער גרויסער שטאדט האט ער דער שוסטער געמוזט מיט איהר מיטגעהן און אלץ איהר העלפען בעזארגען. און געטוהן האט ער דאס מיט גרויס געטריישאפט און אינסטינקטיווער אויפגעלעבטקייט. עפעס האט ער זיך געפיהלט פריי און גליקליך, גלייך ער וואלט זיך האבען אנגעטהון פון קאפ ביז פוס אין נייע מלבושים געהענדיג מיט איהר אייגמאל איבער דער גאס האט ער זיך געהאלטען גאנץ נאהנט נעבען איהר, און ס׳האט איהם ווילד הנאה געטהון וואס איהר הויכקייט גלייכט זיך מיט זיינער — אט דאס הייסט, אז מ׳דארף זיך נישט בויגען צו איהר — קלערט ער און סטארעט זיך אויסצוגלייכען זיין געבויגענעם רוקען.

— אײער מאן דארטען אין אמעריקא איז... איז א הויכער הא? — נעמט ער פערלעגען הויך באלאבעטשען זײנע מוטשענדע געדאנקען און הערט נישט דאס קלינגען פון מ עלעקטרישען װאגען, װאס יאגט אט, אט, אונטער׳ן ריקען.

— מען װעט דאך אונז איבערפאהרען — גיט זי א חאפ זײן האנד און שלעפט איהם אין א זײט.

— װעט איהר נישט פאהרען קײן אמעריקא, הע, הע, הע, — װיצעלט ער זיך פערלעגען, אבגעהאקט שפירענדיג א ליכט צוקען אין די שלײפען, און א פערלאנג צו קײען עפעס הארטעס און יאדריגעס.

אז זײ זענען אהײם געקומען האט זײ די שוסטערן ערװארטעט אין עק געסעל. די אונטערשטע ליפ בײ איהר איז געװען שטארק פערטרוקענט און האט געציטערט.

— נו, װאס הערט זיך? —

האט זי שטיל און פערדעכטיג בײז א פרעג געטהון

— װאס הערט זיך, װאס הערט זיך — איהר עסק —

האט דער שוסטער איבערגעקרימט איהרע װערטער און א מאך מהועדיג מיט דער האנד װי עפעס אװעק צו װארפען, האט ער װילד פון דער זײט א גלאץ געטהון אויף זײן װײבעל.

— זעה נאר װי ס׳טלימעט מיט איהם! — האט יענע גיפטיג דין ארויסגערעדט און דאס געזעל איז בײ איהר געװארען לאנג פערשפיצט מיט א בלוליכען גלאנץ.

עטליכע טעג זענען אזוי פאראיבער און אין די מינוטען װאס דער גאסט איז אין שטוב נישט געװען, זענען צװישען דעם שוסטער און זײן װײב פארגעקומען שטילע נאר גראבע מחלוקות׳ן. עפעס דריקענדעס אבגעריסענס האט ארומגע־שװעבט פון אײן װינקעל צום צװײטען. די בעװעגונגען פונ׳ם שוסטער און זײן װײב זענען איצט געװארען געשװינדע הײלענדיגע, גלײך זײ װאלטען געטאנצט אויף שארפע שפיציגע שטײנדלעך.

און איינמאָל בשעת די שוסטערן האָט אָבגעטראָגען אויף איהרע שמאָלע דאַרע אַקסעל אַ זאַק מיט אַרבּייט אין שטאָדט אַריין, און עטעל איז געגאַנגען צום נאָהנטען פּאָסטקעסטעל אַ בריעף אַריינוואַרפֿען, האָט ער, דער שוסטער גענומען די בלעכענע וואַסער־קאַן, און זיך געלאָזט אין עק גאַס צו דער ברונע נאָך וואַסער, דערווייל איז די שוסטערן אָנגעקומען און געטראָפֿען די טיר פֿערש׳אָסען.

ס׳האָט איהר עפּעס מאָדנע אָנגעהויבען האַקען און בריהען אונטער די אויגען, זי האָט געחאַפּט מיט אַלע כחות קלאַפּען און רוטען אין דער טיר, און מיט אַ משונה מאָדנע קוויטש גלייך ס׳וואָלט זי עמיץ געריסען ביי די האָהר, האָט זי גענומען שרייען: ליב! ליב! דערווייל איז דער שוסטער אָנגעקומען מיט׳ן וואַסער און געבליבען שטעהען מיט אַ אָפֿען מויל און ברייט געעפֿענט צוטומילטע אויגען.

— האַ ליב!.. וואו׳זשע איז עטעל?...

זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט אין דער טונקעלהייט פֿונ׳ם האַלב-פֿינסטערען קאָרידאָר פֿערשעהמטע און צושראָקענע, דאָס וואַסער אין דער קאַן האָט זיך הויך געכליאַפּעט, און גראָב אָבשטויסענדיג דאָס ווייב אין דער זייט האָט דער שוסטער גענומען דרעהען לאַנג מיט אַ הויכען רציחה׳דיגען געקליר דעם שליסעל און טיר־שלאָס אַהער און אַהין און געקריצט מיט די ציין.

אויף מאָרגען האָט זיך דער גאַסט בעדאַנקט, געזעגענט, און אָבגעפֿאָהרען. אַ גאַנצען טאָג איז די שוסטערן געזעסען אין ווינקעל ביי איהר אַרבּייט, שטיל און פֿערציטערט. ער, דער שוסטער האָט זיך געדרעהט אויף און אָב איבער׳ן קעלער אַ צעהיצטער און אַ צעשויבערטער. געגען אָוועגד האָט זיך אין קעלער שטובעל גענומען אַריינדרייסען ווייטע נישט דייטליכע קולות און ליאַרמעס, שנעל האָט זיך דער שוסטער ארויפֿגעשטעלט אויפ׳ן וואַרשטאַטטישעל און אַריבערגעבויגען זיך דורכ׳ן פֿענסטערעל אין

דרויסען אַרויס, דאָרט אין טונקלען געסעל אָנגעפּולט מיט ברודיגע אָבגעשיילטע קינדער און ווייבער, איז געשטאַנען דער רויטער היצעל-וואָגען, און צוויי הונד־האַפּער מיט קינ־ציג פֿערוואָרפֿענע שויבערס אויף די שטערענס, האָבען פּאַ־מעלעך פֿאָרזיכטיג געיאָגט אַ שוואַרצען קודלאַטען הונד, דער האָט זיך מיט צעשראָקענע בעטענדע בליקען געדרעהט אַהין און אַהער, פֿערווירט דאַן גלייך אַריינלויפֿענדיג אין דער פֿערוואָרפֿענער שטריק שלייף. און מיט אַ יעמערליך־האַרצ־רייסענדען קוויטש בעגלייט פֿון גראָבע קולות און געלעכטערס איז ער אכזריות'דיג אַריינגעשטיפּט געוואָרען אין רויטען פֿערגראַטעטען וואָגען.

נאָך מעהר דראָהענד, שווייגענד און צופּלאַטט איז דער שוסטער צוריק אראָב געשפּרונגען פֿון פֿענסטערעל און זיך גענומען וואַשען און רייבען די הענד און דאָס פּנים מיט אַ גרויס שטיק געלען זייף, און פּלוצים אויפ'ן אָנבליק פֿון דער בלעכענער וואַסער-קאַן האָט זיך איהם עפּעס אַריינגעגנב'ט און איינגעגעסען אין מח, עפּעס אַזוינס וואָס וואַרפֿט זיך און דרעהט זיך איבערווייניג, ציהט אין גימען, און פֿערמעקט אַ יע־דען אַנדערען געדאַנק, אַזוי' טשעפּעט און קלעבט זיך אַמאָל אָן אַ אונבעוואוסט אויפֿגעחאַפּט נגונ'דעל, וואָס רייסט זיך מיט עקשנות, און שפּרינגט אַרויס מיט האַסט ווי דער קאָרק פֿון אַ שאַמפּאַניער־פֿלאַש, — און מיט אַמאָל איז איהם עפּעס פֿעסט און קלאָר געוואָרען, און אַלע זיינע גליעדער האָט ער דערשפּירט אַ עלאַסטישע קאָנסעקווענ־טע לייכטיגקייט און מיט איין שפּרונג איז ער אַריין אין שוואַרצען געדיכטען קלומפּען רויך, — האָט אָנגעחאַפּט זיין ווייב פֿאַר אַ האַנד, אַ שלעפּ געטהון אין מיטען שטוב, און גענומען זי דרעהען און וואַלגערען מיט טהירישער ווילדקייט.

די שוסטערן האָט געשריגען מיט אַ יעמערליך ציווע־טיגטען קול, שכנים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפֿען, און מ'האָט

זי קוים אַרויסגעריסען פון זיינע שטייפע האָריגע, בלוי־געפאַרבטע הענד.

דאָס ווייבעל האָט מען אַ האַלב טויטע אַוועקגענומען אין שפּיטאָל. און ער, דער שוסטער, איז שפּעט ביי נאַכט געזעסען מיט רויט צעשמאָלצענע אויגען אין העל־בעלויכטע־נעם ביערשענק, און געטרונקען שוימיג ביער פון דיקע בויכיגע גלעזער. איין גלאָז נאָכ׳ן צווייטען. די פערליעבטע שיפּלעך זענען פערהלומט געשווימען, די פייגעלעך אויף איהר זענען געפלויגען אַרויף און אַראָב. די ביסענדע הייסע לופט אָנגעזאַפּט מיט גרעלע שכור׳ע קולות האָט געדריקט און געטריקענט אין האַלז. און איינע אַ אויסגעצאָמטע רויט־געפאַרבטע „מיידעל" מיט אַ נאַסער ברייטער פריזור ווי אַ ראָד האָט איהם געשנעלט אין אויער און געקנאַקט מיט דער צינג.

אַז ר׳איז אַרויס אין דרויסען, איז ער מיט אַ הויך שנאָרכען צוזאַמען־געפאַלען נעבען אַ קאַנאַל־עפענונג אין עק טראָטואַר. זיין צעגליהטער קערפּער האָט זיך געקיהלט און איינגעשרומפּען געציטערט. די וועגען מיט די רונדע דראָטערנע קעהר־באַרשטען האָבען זיך געשלעפּט און געקלאָפּט מיט זייער מיעדען פערשלאָפענעם גערויש אין דער בלאַסער נאַכט אַריין און האָבען געריבען די בלייכע מיט לבנה־ליכט בעגאָסענע גאַסען־שטיינער. דער פייכטער בעטויעטער שטויב האָט זיך געהויבען אין דער לופטען, און ביים אַראָבזינקען זיך געלעגט אויף זיין קאָפּ, אויפ׳ן געלען פנים, טיילענדיג זיך פון ביידע זייטען אין אויסגעגלעטע לאַנגע שוואַרצע פּאַסען.